בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

## מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

## אבדק"ק סאטמאר יע"א

שנאמרה בסעודה שלישית בעידן רעוא דרעוא

## פרשת החודש תש"ב

• חשיבות חודש ניסן • צדיקים הרגישו ביו"ט השפעה מלמעלה עַד לְהַפְלִיא •
• מחלוקת הרמב"ם והרמב"ן בקידוש החדשים בזמן הזה • שִׁיפּוּרָא גָּרִים •
• הִנָּם יָמִים הַמְּבוֹרָכִים: הרה"ק מלובלין ראה בחודש ניסן לכל השנה •
• י"ב ימים הראשונים כל יום כנגד חודש, ובהם נתמנים כל הממונים •
• בלבול השטן בר"ה מדה כנגד מדה • בכח התורה נעשו נסים מלובש בטבע •
• ביטול מועדים הוי "כליון האומה" • תקנת ה"לוח" על ידי הלל הנשיא •
• זמן הגאולה הוא בניסן ומכל מקום אֲחַכֶּה לוֹ בְּכָל שֶׁיָּבוֹא •

נעתקו בלשון אידיש

## בהוספת ביאורים והערות

להבנת הענין

שנת תשע"ח לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י

מערכת ״לשון קדשו״

מאנטריאל קאנאדא

1-514-585-3040

**קונטרס 57**

34

---

**לשמיעת הדברות קודש:**

**1-718-298-4641** (בארץ ישראל) **072-3333419**

(פון אייראפע **+972-72-3333419**)

צו הערן די תורה **פרשת החודש תש״כ**

דרוקט: **#→1120→6→16** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

(35 מינוט) **קלאָר**

---

KolSatmar.com

# קושיות ודקדוקים בפרשת החודש

## וַיֹּאמֶר ה׳ אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם לֵאמֹר. הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה.

**א**

[**קושיא א** - מתוך הדרוש]

אומרו ״הַחֹדֶשׁ״ בה׳ הידיעה מה בא לרמז?

**א)** [״הַחֹדֶשׁ״ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה. בייטב לב הקשה על אומרו לְחָדְשֵׁי ״הַשָּׁנָה״ בה׳ הידיעה ומתרץ לפי דרכו, אמנם עדיין יש להבין גם כן למה אמר ״הַחֹדֶשׁ״ הַזֶּה לָכֶם בה׳ הידיעה]. (הקושיא בלשון רבינו באות ס)

**ב**

**קושיא ב**

למה כפל הכתוב ב׳ פעמים כי החודש ניסן הוא ראש לכל החדשים?

**ב)** [הנה אמר] הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, און נאָכדעם נאָכאַמאָל רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה, [וצריך ביאור הכפל] ס׳איז דאָך די זעלבע זאַך.

**ג**

**קושיא ג**

ואף לאחר שכפל הענין, למה כפל ״לָכֶם״ שני פעמים, דתיבת ראשון ״הוא לכם״ מיותר?

**ג)** און ״לָכֶם״ [השני מיותר], ער האָט געקאָנט כולל זיין אינאיינעם, [שיאמר] החודש הזה לכם ראש חדשים ראשון לחדשי השנה.

**ד**

**קושיא ד**

גם יש לדקדק על השינוי, דברישא כתב תיבת ״לָכֶם״ קודם תיבת רֹאשׁ,
ובסיפא כתב מקודם תיבת רִאשׁוֹן הוּא ולאחר כך תיבת ״לָכֶם״?

**ד)** און ס׳שטייט קודם ״לָכֶם״ רֹאשׁ חֳדָשִׁים, און דערנאָכדעם זאָגט ער רִאשׁוֹן הוּא ״לָכֶם״.

**ה**

**קושיא ה**

במדרש: ׳הַחֹדֶשׁ׳ הַזֶּה מלשון חידוש, הה״ד ׳וַחֲדָשׁוֹת׳ אֲנִי מַגִּיד, דלעתיד לבוא ׳יתחדשו׳ עשרה דברים

דער מדרש זאָגט: ׳הַחֹדֶשׁ׳ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים. זה שאמר הכתוב (ישעי׳ מב, ט) - אין מדרש רבה (טו, כא) זאָגט ער [עס] - הָרִאשֹׁנוֹת הִנֵּה בָאוּ, ׳וַחֲדָשׁוֹת׳ אֲנִי מַגִּיד.

זאָגט ער [להקשות], מה חדשות [יש לעתיד לבא], וְהָא-דאָך כתיב (קהלת א, ט) מַה שֶּׁהָיָה הוּא שֶׁיִּהְיֶה וגו׳ ׳וְאֵין כָּל חָדָשׁ׳ תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ, וואָס זענען די חדשות?

[ומתרץ] אלא אלו עשר דברים וואָס זיי זענען מִתְחַדְּשׁוֹת לעתיד לבוא ווען משיח וועט קומען, רעכנט ער אויס די עשר, די זאַכן וואָס ס׳וועט זיין.

[וביניהם, שהשי״ת עתיד להאיר להעולם, שנאמר (ישעי׳ ס, יט) וְהָיָה] ׳השם׳ לָךְ לְאוֹר עוֹלָם וגו׳, ס׳וועט זיין דער אוֹר הַחַמָּה וועט זיין [יִהְיֶה שִׁבְעָתַיִם] (שם ל, כו).

[וגם שהוא בונה את ירושלים], ירושלים וועט זיין כסַפִּירִים (שם נד, יא).

ער רעכנט אויס די אַלע ענינים נפלאים וואָס ס׳וועט זיין לעתיד, וואָס ס׳וועט נתחדש ווערן [עד כאן המדרש].

KolSatmar.com

**ו**

וצ״ב איך יתורץ קושיית המדרש במה שאמר שיתחדשו עשרה דברים, והלא עדיין יקשה הא כתיב אֵין כָּל חָדָשׁ?

**ה) דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס איז דער תירוץ** [של המדרש].

**נו אַז ער זאָגט אַז ס׳איז ׳די׳ זאַכן** [שיתחדשו], **איז ווייטער ׳נייע׳ זאַכן. ער זאָגט** [בפסוק] **וַחֲדָשׁוֹת** [אֲנִי מַגִּיד, און] **ער פרעגט** [במדרש] **די קשיא ס׳איז דאָך נישט פאַרהאַנדן קיין חדשות, רעכנט ער די צען זאַכן** [ומפרש אַז] **דאָס איז ׳חדשות׳, נו** [אכתי תקשה] **ס׳שטייט דאָך ווייטער** [בקהלת] **אֵין כָּל חָדָשׁ, די קשיא איז ווייטער קשה.** [גם יבואר שייכות כל זה לפסוק הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם, ולענין קביעות חדשים].

**ז**

**קושיא ו**

במדרש מביא הפסוק וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם וגו׳ בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ, וצ״ב השייכות לכאן?

**נאָך זאָגט דער מדרש** (במדרש רבה טו, י):

**הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, זה שאמר הכתוב** (תהלים קה, מד) **וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם** [וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ] **בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ. רעכנט ער אויס כסדר** [המכות שעשה השי״ת למצרים, והטובות שעשה לישראל, וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם ומסיים לָמָּה? ומשני בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ] **אַז ס׳איז תלוי אין די תורה הקדושה.**

**ו)** [וצריך ביאור קשר הפסוק] **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים,** [לדברי הפסוק שבמדרש] **אַז מ׳האָט געגעבן אַרְצוֹת גּוֹיִם בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו.**

**ח**

**קושיא ז**

צ״ב שייכות פסוק זֶה קֵלִי, לפסוק הַחֹדֶשׁ ״הַזֶּה״ לָכֶם, וצורך השראת השכינה בקביעות החודש וברכת קידוש לבנה?

**די גמרא זאָגט אין סנהדרין דף מ״ב** (ע״א) **כל המברך את החודש בזמנו כאילו מקבל פני השכינה, שנאמר הַחֹדֶשׁ ״הַזֶּה״ לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, וכתיב** [התם] **״זֶה״ קֵלִי וְאַנְוֵהוּ** (בשלח טו, ב). - **זאָג איך ״זֶה״ איז אַ גזירה שוה**[א].

**ז) דאַרף מען פאַרשטיין וואָס דאַרף מען האָבן זֶה, וואָס איז דער זֶה,** [לעשות גזירה שוה מכאן להפסוק] **זֶה קֵלִי וְאַנְוֵהוּ,** [ולהבין הקשר של קבלת פני השכינה לקידוש החודש וברכת קידוש לבנה דייקא].

**ט**

**קושיא ח**

בפרקי דרבי אליעזר מביא הפסוק אַשְׁרֵי הָעָם יֹדְעֵי תְרוּעָה ה׳ בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן, על ענין קידוש החודש ועיבור השנים שבא להם אור מן השמים וזכו לשמוע שהשי״ת מסכים עמהם, וצ״ב שייכות הרישא ״יֹדְעֵי תְרוּעָה״ לענין זה

**אין פרקי דרבי אליעזר זאָגט ער, דאַכט זיך מיר אין פרק ח׳**[ב]**, אידן ווען מ׳האָט מְעַבֵּר געוועזן השנה, מ׳האָט זיך צוזאַמגעזעצט דאָס בית דין.**

---

[א] **בפירש״י** (שם בד״ה דיין) **דהוא גזירה שוה. והכוונה דכמו אצל קריאת ים סוף היה התגלות השכינה שאמרו זה קלי, כמו כן בברכת הלבנה יש קבלת פני השכינה.**

[ב] **בפרקי דרבי אליעזר** (פרק שמיני)**: בשלשה** [דיינים] **מְעַבְּרִין, רבי אליעזר אומר בעשרה, שנאמר** (תהלים פב, א) אֱלֹקִים נִצָּב בַּעֲדַת קֵל וכו׳, ונעשין כמין גורן עגולה, ויושבין גדול לפי גדלו וקטן לפי קטנו, ונותנין פניהם למטה לארץ, ופורשין את כפיהן לאביהן שבשמים, וראש ישיבה מזכיר את ׳השם׳, ושומעין בת קול שצווחת ואומרת בלשון הזה, וַיֹּאמֶר ה׳ אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן וגו׳ לֵאמֹר, הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים וכו׳. - וּמֵעָוֹן הדור אין שומעין כלום, אלא כביכול אינו יכול לשכן שכינה ביניהם. - ואשריהן העומדין במקום ההוא בשעה ההיא, שנאמר אַשְׁרֵי הָעָם יֹדְעֵי תְרוּעָה ה׳ בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן (שם פט, טז), באור פניו של הקדוש ברוך הוא הן מהלכין.

KolSatmar.com

...[ובשעה שראש הישיבה הזכיר את ׳השם׳, מי שזכה היה יכול לשמוע] **דאָס קול** [מן השמים הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם. אמנם מי שלא זכה] **וויאַזוי האָט מען געקאָנט מאַכן, ווען בְּעָוֹן הדור האָט נישט ׳געהערט׳ יעדערער ווי השי״ת האָט מסכים געווען על ידם.**

[ואשריהן העומדין במקום ההוא בשעה ההיא, שנאמר] **אַשְׁרֵי הָעָם יֹדְעֵי תְרוּעָה ה׳ בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן** (תהלים פט, טז)**, דעמאָלטס קען זיין דער פסוק ה׳ בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן, אַז דער בורא כל עולמים איז מֵאִיר אַן אוֹר, ס׳קומט אַן אור פאַר זיי, אַזוי גיט ער דאָרט צו פאַרשטיין, ה׳ בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן.**

**זאָגט דער פרקי דרבי אליעזר ווען זיי זענען זיך צוזאַמגעקומען די סנהדרין און זיי האָבן געוואָלט מעבר זיין, האָבן זיי געוואָלט האָבן די הסכמה מן השמים, האָבן זיי געזאָגט** [שהזכירו את ה׳ ושמעו ההסכמה, וע״ז אמר בסיפא דקרא] **ה׳ בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן.**

**ח)** [אבל עדיין צריך ביאור שייכות רישא דקרא לקידוש החודש]**, וואָס שטעלט ער עס אויף דעם פסוק אַשְׁרֵי הָעָם יֹדְעֵי תְרוּעָה, ווי קומט אַהער ״יֹדְעֵי תְרוּעָה״?**

**י**

**[קושיא ט - מתוך הדרוש]**

במדרש: כשאמר משה הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם, מיד גילו הצדיקים את ״ראשיהם״ שהיה מכוסה, וצריך ביאור הכוונה?

**[**איתא במדרש רבה (בא טו, א) הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם, אמרו לפניו רבון העולמים ארבע מאות שנה אמרת לנו להשתעבד ועדיין לא שלמו, אמר להם כבר שלמו, שנאמר (שיר השירים ב, יא) כִּי הִנֵּה הַסְּתָו עָבָר, מיד גילו הצדיקים את ראשיהם שהיו מכוסים, שנאמר (שם, יב) הַנִּצָּנִים נִרְאוּ בָאָרֶץ אלו הן שבטו של לוי שהיו צדיקים כולן.

**ט)** ויש להבין, מהו הכוונה שגילו הצדיקים את ״ראשיהם״ שהיה מכוסה**]**. (הקושיא באות מט)

**יא**

הקדמות לביאורי הקושיות

# ביאורים בענין קביעות החדשים והמועדים בזמן הזה

ושבלא זה לא היה באפשר שתהיה הגאולה

**לאָמיר זען, ס׳איז ידוע די פלוגתא**[ג] [בענין קידוש החודש בזמן הזה]**. דער רמב״ם מיט׳ן רמב״ן** (בספר המצוות להרמב״ם מצות עשה קנג, ובהשגות הרמב״ן שם)**.**

---

[ג] וזה לשונו הזהב **בספר המצוות לרמב״ם** (מצות עשה קנג)**, שצונו יתברך לקדש חדשים ולחשב חדשים ושנים,** וכו׳. מצוה זו אינה מסורה לכל איש ואיש, כמו שבת בראשית שכל איש ימנה ששה ימים וישבות, אבל מצוה זו לא יעשה אותה לעולם זולת בית דין הגדול לבד, ובארץ ישראל לבד. ולכן בטלה ה״ראייה״ [של הלבנה] אצלנו היום בהעדר בית דין הגדול וכו׳. ודע שהחשבון הזה שנמנה אותו היום ונדע בו ראשי החדשים והמועדים אי אפשר לעשותו אלא בארץ ישראל לבד. אלא בעת הצורך ובהעדר החכמים מארץ ישראל אז אפשר לבית דין ״הסמוך בארץ ישראל״ שיעבר השנים ויקבע חדשים בחוצה לארץ וכו׳. ובכאן שורש גדול מאד משרשי האמונה לא ידעהו ולא יתבונן במקומו אלא מי שדעתו עמוקה, וזה שהיותנו היום בחוצה לארץ מונים במלאכת העבור שבידינו ואומרים שזה היום ראש חדש וזה היום יום טוב לא מפני חשבוננו נקבעהו יום טוב בשום פנים, אלא מפני שבית דין הגדול שבארץ ישראל כבר קבעוהו זה היום ראש חודש או יום טוב וכו׳. **ואנחנו אמנם נחשב היום כדי שנדע היום שקבעו בני ארץ ישראל בו ראש חודש כי במלאכה הזאת בעצמה מונין וקובעין היום, לא בראיה, ועל קביעתם נסמוך, לא על חשבוננו.** אבל חשבוננו הוא לגלויי מילתא, והבין זה מאד. ואני אוסיף לך ביאור, אילו איפשר דרך משל שבני ארץ ישראל יעדרו מארץ ישראל, - חלילה לקל מעשות זאת, כי הוא הבטיח שלא ימחה אותות האומה מכל וכל, - ולא יהיה שם בית דין ולא יהיה בחוצה לארץ בית דין שנסמך בארץ, הנה חשבוננו זה לא יועילנו אז כלום בשום פנים, לפי שאין לנו רשות שנחשב בחוצה לארץ ונעבר שנים ונקבע חדשים אלא בתנאים הנזכרים כמו שבארנו. כִּי מִצִּיּוֹן תֵּצֵא תוֹרָה וּדְבַר ה׳ מִירוּשָׁלָםִ (ישעי׳ ב, ג. מיכה ד, ב).

KolSatmar.com

קביעות החודש תלוי רק בבית דין סמוכים לכולי עלמא

[דהנה זה ברור לכולי עלמא, אַז] **יעדן קידוש החודש איז ביים בית דין** [שהתורה נתנה הכח לבית דין דוקא, ובזמן שהבי"ד מקדשים אז הוא ראש חודש כדכתיב (ויקרא כג, ד) אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ "אֹתָם" בְּמוֹעֲדָם, ודרשינן מדכתיב בפרשה שלש פעמים "אתם", קרינן ביה] **אַתֶּם אפילו שוגגין,** [אַתֶּם] **אפילו מזידין,** [אַתֶּם] **אפילו מוטעין, אַזוי ווי ס'איז ידוע, אַזוי זאָגן די חכמינו ז"ל** (ר"ה כה.)**. זיי** [הבית דין] **האָבן בכח** [לקבוע החודש בכל אופן].

**יב**

לוח שלנו נקבע בבית דין של רבי הלל הנשיא בימי אביי ורבא

**נאָר וואָס דען, נאָכדעם איז דאָך אויפגעשטאַנען הלל הנשיא** [האמורא, וכדלקמן], **ער האָט געזען די דוֹרוֹת** [שנתמעטים הלבבות והם] **מִשְׁתַּכְּחִים מ'וועט נישט בקי זיין** [בדורות הבאים] **אין קידוש החודש מ'וועט נישט קענען, האָט ער געמאַכט אַ חשבון** [קביעות החדשים ועיבורי השנים אויף] **ביז משיח וועט קומען, עד שיבוא המשיח, אַזוי זאָגט דער רמב"ם** (בספר המצות, שם).

**דאָס איז געווען ערגעץ בימי אביי ורבא**[ד] [שהיו בדור החמישי לאמוראי בבל], **הלל הנשיא איז נכדו של 'רבי'** [רבי יהודה הנשיא, רבינו הקדוש שסידר המשניות] **געווען, און ער איז געווען בימים ההם** [בזמן אביי ורבא 'שבבבל'], **ער איז געווען נשיא** [הסנהדרין 'שבארץ ישראל' בימיהם], **און ער האָט קובע געווען דעמאָלטס דעם חודש, און דאָס איז 'אונזערע' חשבונות פון די חדשים** [שיש לנו עד היום הזה, וכלוח המבואר בטור או"ח סימן תכח].

---

ובהשגות **הרמב"ן** שם האריך לחלוק על הרמב"ם בענין זה, ומסיים שם וזה לשונו [במקוצר]: ועם כל זה לפי דבריו שהוא מודה שאפילו בקביעות החשבון צריך שיהיה שם בארץ בית דין או שיהיה בחוץ לארץ בית דין שנסמך בארץ, בטלו המועדות היום מכמה שנים, שהרי אין בארץ בי"ד נסמך ולא בחוץ לארץ, וכן אפילו לדברינו שגם אנו מצריכין מן התורה בין בראיה בין בחשבון בי"ד של שלשה והן מומחין, והנה היום נעדר בי"ד הזה מכל ישראל. אבל מַרְפֵּא הקושיא הגדול הזה הוא, שרבי הלל הנשיא בנו של רבי יהודה הנשיא תיקן חשבון העיבור הוא קידוש חדשים ועיבור שנים הראויים להתעבר לפי מנינו, עד שיבוא אליהו ז"ל ונחזור על פי הראיה בבי"ד הגדול והקדוש אמן במהרה בימינו יהיה וכו'.

ועל השואל מזו שאמר (ר"ה ז.) אין מעברין את השנה לפני ר"ה ואם עברוה אינה מעוברת, אבל מפני הדוחק מעברין אותה אחר ר"ה מיד. תשובת זו השאלה, שאין זמן העיבור קבוע להם מן התורה וכו', אבל לפי שלא היו רגילין בעיבור אלא בקרוב לאדר שנודע להם ענין האביב ופירות האילן, ואם יקדימו להם בשנה מן השנים יבוא הדבר לידי שכחה ושיבוש, מפני זה היה להם "תיקון" שלא יעברו אותה קודם ר"ה, והתנו שאם עברוה לא תהא מעוברת, אבל כיון שראה החכם הנזכר בזמנו ביטול המועדות לגמרי אם לא יעשה הקבוע ההוא, תיקון הכל בחשבון הזה, ועמד וקידש חדשים ועיבר השנים כולם לפי החשבון בבי"ד ההוא הסמוך ובארץ הנבחרת כראוי.

ואני סבור שאין "קידוש החודש" מעכב, ולא הצריכו חכמים לומר "מקודש" מקודם אלא שהוא מצוה או לפרסומי מילתא בעלמא, אבל מכיון שהסכימה דעת בי"ד שיהיה החדש הזה מלא או חסר קורא אני בו אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אֹתָם וכו', אלמא אין קידוש מעכב. וכן אמרו שמצוה לקדש על פי "הראיה" ואינו מעכב, והוא כל שכן בעיבור. ולפי כל זה נאמר שמשעה שהסכים רבי הלל הנשיא ובית דינו על **החשבון הזה, ותיקן אותו לדורות בחדשים ובשנים, קורא אני בהם אֵלֶּה מוֹעֲדֵי ה' אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אֹתָם,** ועל זה הענין הוא החדשים והמועדות עד יבוא ויורה צדק לנו, ועיין שם באריכות.

[ד] **ברמב"ם** (הלכות קידוש החודש ה, ג) וזה לשונו, ומאימתי התחילו כל ישראל לַחְשֹׁב בחשבון זה, מסוף חכמי 'תלמוד' בעת שחרבה ארץ ישראל ולא נשאר שם בית דין קבוע, אבל בימי חכמי 'משנה' וכן בימי חכמי תלמוד עד ימי אביי ורבא, על קביעת ארץ ישראל היו סומכין [ששם היה בית דין קבוע שקדשו החודש]. – **וברמב"ן** (בספר הזכות, השגות על הרי"ף פ"ד דגיטין) כתב שהיה בשנת תר"ע לשטרות [והוא שנת ד' אלפים קי"ט לבריאת העולם].

KolSatmar.com

יג

## פלוגתת הרמב"ם והרמב"ן בענין קידוש החדשים בזמן הזה

אם סגי במה "שקידשם" כבר הלל הנשיא ובית דינו, או צריך שיהיה איזה ענין של קידוש החודש גם עכשיו

נאָר דאָ איז דאָ אַ פלוגתא דער רמב"ם מיטן רמב"ן [מתי "נתקדשו" החדשים לפי הלוח שתיקן הלל הנשיא].

לשיטת הרמב"ן: הלל הנשיא ובית דינו "קדשו" בזמנם את כל החדשים עד ביאת המשיח, ואין צריך עוד שום דבר בזמה"ז

דער **רמב"ן** זאָגט אַז מ'ברויך נישט מער [שום דבר בזמן הזה לקדש החדשים], **אַז** 'זיי' [הבית דין של הלל הנשיא] **האָבן בכח געהאַט צו מאַכן** [קידוש החדשים ועיבורי שנים] **אויף יאָרן, עד סוף** [ימי הגלות], **ביז משיח וועט קומען.**

לשיטת הרמב"ם: אם אין "בארץ ישראל" מי שיברך החודש, בטלה קביעת החודש וכל המועדים,
ועל כן מצד הבטחה שלא יהיה "כליון האומה" מובטחים אנו שלעולם יהיה עשרה מישראל בארץ ישראל

דער **רמב"ם** זאָגט אַז ניין, אין הכי נמי אָן זיי [הלל ובית דינו], אָן דעם [קביעות שלהם] העט מען נישט געווען געקענט מאַכן [קביעת חדשים בזמן הזה], 'זיי' האָבן געוואוסט דעם חשבון.

אָבער אף על פי כן מוז מען עס 'דאָך' יעדעס יאָר [מידי חודש בחדשו, לברך החודש בזמנו], נאָר מ'פאַררופט זיך אויף זייער חשבון, מ'בויעט אויף זייער חשבון אויף הלל הנשיא'ס חשבון, אָבער מ'מוז יעדעס יאָר בזמנו מוז מען מברכין החודש זיין, אַז נישט איז עס נישט קיין חודש.

און דאָס [ קידוש החודש] קען דאָך נישט זיין - קידוש החודש קען דאָך נישט זיין - נאָר אין ארץ ישראל, איבערדעם זאָגט דער רמב"ם אַ כלל אַז דאָס איז אַ הבטחה **אַז ס'וועט אייביג מוזן זיין אידן אין ארץ ישראל ביז משיח וועט קומען** (כמבואר בשו"ת חתם סופר יו"ד סימן רלד). ווייל ס'איז דאָך אַ שבועה שלא יִכְלֶה האומה, **אַז ס'וועט נישט זיין חלילה קיין כליון עַם ישראל, און אַז ס'וועט נישט זיין קיין מברכים החודש אין ארץ ישראל, איז דאָך נישטאָ קיין חודש, איז נישטאָ קיין מועדים,** וואָרן אַלע מועדים זענען דאָך תלויים בחודש, אַזויפיל טאָג אין חודש [הוא יום טוב זה] און אַזויפיל טאָג אין חודש [יום טוב זה], **און אַז ס'איז נישטאָ קיין קביעת החודש איז נישטאָ קיין מועדים. איז חלילה כליון האומה.**

און דער **רמב"ן** זאָגט מ'ברויך נישט [לברך החודש בזמן הזה, והראיה] ביים חורבן בית ראשון איז געווען צוויי און פופציג יאָר[ה] וואָס ס'איז נישט געווען [לא עָבַר איש ביהודה].

נאָר דאָס פאַרענטפערן זיי דאָך (עי' ברמב"ם ומפרשיו שם), ס'איז נישט קיין ראיה, ביים [חורבן] בית ראשון איז דאָך נאָך געווען "סמוכים" בחוץ לארץ, אַז ס'איז דאָ סמוכים [שנסמכו] אין ארץ ישראל, האָבן זיי געקענט אין חוץ לארץ אויך מקדש החודש זיין. אָבער ס'איז דאָך נישטאָ היינט קיין סמוכים, אָבער דערנאָכדעם האָט זיך דאָך אויפגעהערט די סמיכה.

---

[ה] ביומא (נד.) תניא, רבי יהודה אומר, חמשים ושתים שנה לא עָבַר איש ביהודה, שנאמר (ירמי' ט, ט) עַל הֶהָרִים אֶשָּׂא בְכִי וָנֶהִי וְעַל נְאוֹת מִדְבָּר קִינָה כִּי נִצְּתוּ מִבְּלִי אִישׁ עֹבֵר וְלֹא שָׁמְעוּ קוֹל מִקְנֶה מֵעוֹף הַשָּׁמַיִם וְעַד בְּהֵמָה נָדְדוּ הָלָכוּ. בהמ"ה בגימטריא חמשין ושתים הוו. רבי יוסי אומר, שבע שנים נתקיימה גָּפְרִית וָמֶלַח [שְׂרֵפָה כָל אַרְצָהּ] (האזינו כט, כב) בארץ ישראל. ופרש"י, חמשים ושתים שנה היה מחרבות ירושלים בגלות צדקיהו, עד פקידת כורש, שעלו לִבְנוֹת הבית, שהרי לסוף שבעים לגלות יהויקים היתה הפקידה.

KolSatmar.com

ס׳איז נאָך געווען [סמוכים] נאָכ׳ן חורבן [בית שני] אויכעט [בימי אמוראים], אָבער על כל פנים שפּעטער-צו האָט זיך עס אויפגעהערט.

יד

## ביאור דעת הרמב״ם דביטול המועדות הוא בכלל כליון האומה ח״ו

### הקושיא על דברי הרמב״ם

מהיכי תיתי שאם היו מתבטלים ״המועדים״ נקרא ״כליון האומה״?

[ולכאורה צ״ב] פאַרוואָס דער רמב״ם זאָגט[ו] אַז דאָס ליגט אין דער שבועה וואָס השי״ת האָט געשוואוירן אַז ס׳וועט נישט זיין חלילה, שלא יְכַלֶּה זרעו, ליגט אין דעם אַז ס׳מוז זיין אין ארץ ישראל אידן וואָס זענען מקדש החודש.

פאַרוואָס אַז ס׳איז נישטאָ קיין חדשים [ואי אפשר לעשות מועדים] הייסט דאָס חלילה כליון האומה?

טאַקע אמת [אַז] אָן דער ״תורה הקדושה״ איז טאַקע גאָרנישט, דאָס הייסט טאַקע **כליון האומה** אַז ס׳איז נישטאָ ״קיין תורה״.

אָבער ׳דאָס׳ [ביטול המועדים] איז דאָך נאָר אַ ״חלק תורה״, און אַז ס׳פעלט אַנדערע חלקי תורה [עדיין לא נקרא כליון האומה, וכגון מה שנחסרו] אַלע קרבנות, כֹּהֲנִים בַּעֲבוֹדָתָם וּלְוִיִּים בְּדוּכָנָם, אַ געוואַלטיג חלק תורה [נחסר מאתנו], תְּמִידִים כְּסִדְרָם וּמוּסָפִים כְּהִלְכָתָם, די אַלע ׳קרבנות׳ פון די ׳מועדים׳ פעלן דאָך, פונדעסטוועגן זענען דאָ ״אידן״ אין אַנדערע זאַכן, ס׳איז דאָך דאָ תרי״ג מצות [ואם נחסר קצתם עדיין נשאר הרבה מהם לקיימם], ס׳איז דאָך דאָ **שבת** און **תפילין** מיט **תלמוד תורה**, אין [די] תרי״ג מצות איז דאָך דאָ כמה מצות התורה אויסער די מועדים, און יראה מיט אהבה, **קבלת התורה בכלל**, פאַרוואָס איז דאָס [מועדים] מער, פאַרוואָס הייסט דאָס גיכער [=ענדערש] כליון האומה חלילה אַז ס׳איז נישטאָ קיין מועדים ווי דאָס אַז ס׳פעלן די קרבנות און אַנדערע מצות התלויות בארץ, און כהנה וכהנה וואָס ס׳פעלט דורכ׳ן חורבן אַ חלק תורה, אַ גרויס חלק תורה, נאָך אַ גרעסער חלק תורה [שאי אפשר לקיים היום, יותר ממה ששייך לקיים היום][ז], פאַרוואָס הייסט דאָס חלילה כליון האומה [בחסרון מצות המועדים].

טו

### הקדמה לביאור דברי הרמב״ם, ממה שאמר רבינו בארץ ישראל

יש ״זמן״ מיוחד ״ויום״ מיוחד להגאולה, רק שיכולין להחליף מזל אותו היום ועת ולהקדימו, וכדברי הנזר הקודש

**ווען איך בין געווען היצט אין ארץ ישראל - כ׳האָב עס פאַריגע מאָל יענע מאָל געזאָגט** (ש״ק פרשת פנחס תשי״ט, בדרשה לפני קריאת התורה בעיר בני ברק)[ח]. **- איז מיר איינגעפאַלן דעמאָלטס** [לתרץ דברי הרמב״ם בזה] **אַז ס׳ליגט אין דעם טאַקע אַ דבר גדול.**

---

[ו] וגם ברמב״ן משמע דע״ז אינו חולק שם, ומודה להרמב״ם בזה (עי׳ דבר״י מהדו״ת פנחס עמוד ל, נצבים ע׳ מב, ועוד).

[ז] כי בזמן הזה יש רק ע״ר (270) מצות שאפשר לקיימם, וכתב **בספר החינוך** (בהקדמה) מִצְוֹת שחייבין בהן כל אדם מישראל מבלי שיתחדש בו סיבה בעולם הן בין כולם מאתים ושבעים, סימנם אֲנִי יְשֵׁנָה וְלִבִּי עֵ״ר. - ומובא **במגלה עמוקות** (אופן עו) לפרש בזה המדרש ילקוט (רמז תתקפח) אני ישינה וכו׳ ולבי ע״ר במצות. ולעומת זה יש שמ״ג (343) מצות שאי אפשר לקיימן. וכמו שכתב **בישמח משה** (תרומה) בגלות אי אפשר לקיים רוב המצות, כמו שנתנו סימן הַגֶּשֶׁ״ם חָלַף הָלַךְ לוֹ (שה״ש ב, יא).

[ח] נדפס **בדברי יואל** (מהדו״ת פנחס עמוד ל. ובקונטרס ״חידושי תורה ודרשות״ בא״י עמוד פו). ושם הוסיף אז רבינו להקשות בתוך הקושיא, דהלא כמו שאנו עושין יום שני של גליות בגלל מנהג אבותינו בידינו, ואף שאנו בקיאין

KolSatmar.com

**לאָמיר זען, דער "קץ הגאולה" איז דאָך אויך תלוי אין אַ "זמן", ער דער נזר הקודש[ט] זאָגט דאָך דאָס** (ב"ר צח, ג).

[דהנה כתיב אֲנִי ה' בְּעִתָּהּ אֲחִישֶׁנָּה (ישעי' ס, כב). ואיתא בסנהדרין (צח.) רבי יהושע בן לוי רמי, כתיב בְּעִתָּהּ, וכתיב, אֲחִישֶׁנָּה? ומשני] **זכו אֲחִישֶׁנָּה** [לא זכו בְּעִתָּהּ].

[אמנם עדיין קשה מה דכתיב] **בְּעִתָּהּ אֲחִישֶׁנָּה,** [דהיה לומר בְּעִתָּהּ "או" אֲחִישֶׁנָּה]?

[ומבאר בנזר הקודש]: **דאָס איז אַמאָל געוויס** [=זיכער] **דער זמן הגאולה האָט אַ "צייט", אין 'דעם און דעם' חודש, אין 'דעם און דעם' טאָג, אין 'דעם און דעם מזל' אַזוי ווי ס'איז דעמאָלט, "נאָר" דעמאָלטס איז עס** [זמן הגאולה].

**נאָר וואָס'זשע דען דער בורא כל עולמים איז** [מְשַׁנֶּה עִתִּים וּמַחֲלִיף אֶת הַזְּמַנִּים וּ]**מְסַדֵּר** [אֶת הַכּוֹכָבִים בְּמִשְׁמְרוֹתֵיהֶם בָּרָקִיעַ] **כִּרְצוֹנוֹ** (תפלת ערבית). **אַז ער וויל ממהר זיין די גאולה, רוקט ער איבער דעם זמן, נעמט מען 'דעם' זמן 'דעם' טאָג** [שמיועד להגאולה] **און מ'שטעלט אים איבער אויף פריער.**

**איז דאָס אֲנִי ה' "בְּעִתָּהּ אֲחִישֶׁנָּה", כ'וועל דעם "בְּעִתָּהּ" אַליין ווועל איך צוציילן.** [עד כאן בנזר הקודש]. (המשך ביאור קושית הרמב"ם באות כא)

### טז
אף שמוזכר בחז"ל זמני וחדשי הגאולה,
החיוב לצפות לישועה ולחכות בכל ימות השנה שיבוא משיח, ואינו סתירה

**כ'האָב שוין אַמאָל געזאָגט[י] מיט דעם** [לפרש הקושיא על רבי אליעזר ורבי יהושע במחלוקתם מתי יהיה זמן הגאולה] **ניסן צי תשרי. איך וויל נישט איבער'חזר'ן.**

**אָבער יהיה איך שיהיה ס'איז דאָ אַ "זמן" הגאולה.**

---

בקביעא דירחא אנו מברכים עליו מדבריהם, ובני חוץ לארץ אוכלים מצה בליל שני של פסח ומברכין עליו, אם כן אפילו אם לא היה ביכלתינו לקיים מצות קידוש החודש מדאורייתא, היינו יכולים לקיימה ולקבעה כמו מצוה דרבנן, ואם כן למה יהיה ענין קידוש החודש כל כך חמור שבו תלוי קיום האומה?.

[ט] וזלש"ק של רבינו (ס"ג שבת הגדול תשכ"א) זאָגט דער נזר הקודש, דער אמת איז אַזוי, די גאולה האָט אַ צייט, [סיי] גאולת מצרים און [סיי] די גאולה העתידה.

דאָס איז אַמאָל געוויס, דער בורא כל עולמים האָט באַשאַפן די וועלט מתחילת היצירה ביז צום סוף עמידת העולם, די גאַנצע שִׁיתָּא אַלְפֵי שָׁנִי האָט מען באַשאַפן יעדע מינוט און יעדע רגע מיט זיין השפעה און מיט זיין מזל און מיט זיין שַׂר, אַ השפעה מלמעלה אויף די אלע שִׁיתָּא אַלְפֵי שָׁנִי, ממילא דאָ די רגע דער טאָג פון די גאולה האָט זיינע השפעות, דאָס איז דער טאָג, אַן אַנדערער טאָג קען נישט זיין די גאולה. אַז דער בורא כל עולמים וויל אָבער ממהר זיין, טוט ער אַרומריקן.

דאָס איז דער פשט מַחְלִיף אֶת הַזְּמַנִּים (בברכת מעריב ערבים), לכאורה וואָס עפּעס מחליף את הזמנים, וואָס איז טייטש מ'איז זיי מחליף ס'האָט דאָך נישט קיין ממשות [הזמן], אַז מ'איז עס מחליף?. זאָגט ער דער פשט איז, אַז די וואָס זענען ממונה אויף די זמנים, די שרים מיט די מזלות, דער בורא כל עולמים איז 'זיי' מחליף, ער טראָגט אַריבער דעם זמן. מ'איז טאַקע ממהר די גאולה, אָבער די גאולה איז לכאורה נישט בזמנו, נאָר [הכוונה] דעם זמן אַליין איז מען ממהר, דאָס איז דער פשט "בעתה" אחישנה, כ'וועל דעם 'זמן' צוציילן.

[י] עיין **דברי יואל** פרשת וירא (עמוד שפט). דאיתא בגמרא (ראש השנה י:) מחלוקה מתי עתידין להיגאל, דרבי אליעזר סובר "בתשרי" עתידין להיגאל, ורבי יהושע סובר "בניסן" עתידין להיגאל. - והקשה **הטורי אבן** הלא מצינו בגמרא (עירובין מג.) דהאומר "הריני נזיר ביום שבן דוד בא", אסור לשתות יין כל ימות החול, דלמא אתי משיח. ולכאורה קשה הלא לדברי רבי אליעזר ורבי אין הגאולה יכולה להיות רק בתשרי או בניסן. - **ומפרש רבינו** לפי דברי הנזר הקודש, דאנו מחכים בכל יום, כיון דהיכולת ביד השי"ת להחליף הזמנים ולהביא הַשָּׂרִים הממונים בחודש ניסן או תשרי, ויהיה אז בְּעִתָּהּ.

(וע"ע בדברות קודש ליל ו' דחנוכה תשכ"ח, ס"ג אמור תשכ"ב, ובדברי יואל ואתחנן מהדו"ת עמוד קנא, ועוד)

KolSatmar.com

## יז

### במדרש: השי"ת מסר לנו 'סימן' שביום יציאת מצרים (שהוא פסח) תהיה הגאולה, ואעפ"כ אחכה לו בכל שיבוא, כי יכולין להחליף הזמן דניסן בכל עת, וכדברי הנזר הקודש

**דער מדרש זאָגט** (שמו"ר יח, יב)**, אַ "סימן" זאָגט ער,** [משל לאשה] **אַ מטרוניתא,** [שהיתה מצפה לבעלה וואָס] **ער איז אַוועקגעגאַנגען ווייט,** [ואמר לה יהא סימן הזה בידך] **אפילו מ'וועט דיר זאָגן איך בין געקומען, זאָלסטו וויסן טאָמער אַז דו ועסט מיך נישט זען** [שלא תראו הסימן]**, זאָלסטו וויסן ס'איז נישט אמת,** [ובעת שתראי אותו סימן דעי שאני בא ואני קרוב לבא].

[כך ישראל מְצַפִּין משעמדה אדום, אמר הקב"ה הסימן הזה יהיה בידכם ביום שעשיתי לכם תשועה ובאותו לילה, היו יודעים שאני גואלכם]**, אַז מ'וועט זאָגן אַ קץ הגאולה, אַז ס'איז נישט 'ניסן' זאָלסטו וויסן ס'איז נישט אמת** [שלא קרבה העת].

**על כל פנים** [מבואר בזה המדרש כי זמן הגאולה] **דאָס איז נאָר** [אין] **ניסן.**

[ובאמת] **ס'איז דאָך אַ פלוגתא רבי אליעזר מיט רבי יהושע'ן צי "בניסן"** [עתידין להיגאל] **צי "בתשרי", על כל פנים ס'איז דאָ אַ "זמן"** [הגאולה].

[ולכאורה יוקשה] **וויאַזוי ס'קען זיין "אַלע טאָג"** [אֲחַכֶּה לוֹ בְּכָל יוֹם שֶׁיָּבוֹא] **?**

**דאָס האָב איך שוין אַמאָל געזאָגט לאַנג, טאַקע מיט דעם נזר הקודש, כ'וועל נישט איבער'חזר'ן** (עיין הערה י)**.**

**אָבער יהיה איך שיהיה, על כל פנים איז דאָס אַ פלוגתא** [בין רבי אליעזר ורבי יהושע אם בניסן או בתשרי].

## יח

### גם בפסוק מבואר דזמנו בניסן

**ס'איז לֵיל שִׁמֻּרִים הוּא לַה'** (בא יב, מב)**, זאָגן זיי דאָך אַלע אַזוי פשט**[יא]**, ס'איז דער חודש הגאולה** [חודש 'ניסן', ובפרט ביום א' 'דפסח']**, נישט נאָר אין מצרים, די גאולה העתידה איז אויך די זעלבע, ס'שטייט שִׁמֻּרִים לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְדֹרֹתָם** [שבכל הדורות יהיה הגאולה באותו זמן]**, 'ניסן' און 'פסח' דאָס איז דער זמן התעוררות הגאולה בכל הדורות.**

---

[יא] עיין **בתרגום יונתן** (בא שם) שמסיים וזה לשונו: כֵּן פְּרֵישׁ מֹשֶׁה וַאֲמַר לֵיל נְטִיר לְפוּרְקָן הוּא מִן קֳדָם ה' לְמַפָּקָא יָת עַמָּא בְנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאַרְעָא דְמִצְרָיִם, הוּא לֵילְיָא הָדֵין נְטִיר מִמַּלְאֲכָה מְחַבְּלָא לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל דִבְמִצְרַיִם, וְכֵן לְמִיפְרַקְהוֹן מִגָּלְוָתְהוֹן לְדָרֵיהוֹן.

**ובתרגום ירושלמי** מסיים וזה לשונו: כַּד יַשְׁלִים עָלְמָא קִיצֵיה לְמִיתְפַּרְקָא חֶבְלֵי רִישְׁעָא יִשְׁתֵּיצוֹן וגירי פַּרְזְלָא יִתַּבְרוּן מֹשֶׁה יִפּוֹק מִן גּוֹ מַדְבְּרָא וּמַלְכָּא מְשִׁיחָא מִן גּוֹ רוֹמָא דֵין יְדַבַּר בְּרֵישׁ עֲנָנָא וְדֵין יְדַבַּר בְּרֵישׁ עֲנָנָא וּמֵימְרָא דַיְיָ מְדַבַּר בֵּין תַּרְוֵיהוֹן וְאִינּוּן מְהַלְּכִין כַּחֲדָא, הוּא לֵיל פִּסְחָא קֳדָם יְיָ נְטִיר וּמְזַמַּן לְכָל יִשְׂרָאֵל לְדָרֵיהוֹן.

**ובספורנו** וזה לשונו: **הוּא הַלַּיְלָה הַזֶּה לַה' שִׁמֻּרִים.** וכמו שהיה משמר ומצפה לגאולת ישראל כל ימי גלותם במצרים, כן הוא משמר ומצפה לגאולת ישראל העתידה, כאמרו (ישעי' ל, יח) וְלָכֵן יְחַכֶּה ה' לַחֲנַנְכֶם. **לכל בני ישראל לדורותם.** כאמרם (ר"ה יז.) בניסן נגאלו, ובניסן עתידין להגאל.

וכן כתב **באור החיים הקדוש**: לֵיל שִׁמֻּרִים וגו', יכוין הכתוב לרמוז ה' נסים מופלאים שזמנם לילה זו, א) בימי אברהם וכו', ה) גאולה העתידה, וכו', וכנגד גאולה העתידה אמר שִׁמֻּרִים לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְדֹרֹתָם, פירוש לסוף הדורות, בעגלא ובזמן קריב.

וכן מבואר **בגמרא** (ר"ה יא:) שמביא רבי יהושע ראיה דבניסן עתידין ליגאל מפסוק לֵיל שִׁמֻּרִים, ליל המשומר ובא [פירש"י לגאולה] משׁשת ימי בראשית.

KolSatmar.com

### יט
## קידוש החדשים ומערכת השמים תלוי הכל בבית דין שלמטה

מילא דאָס איז דאָך אַמאָל [זיכער], דער קביעות החדשים איז תלוי אין בית דין שלמטה.

די תורה הקדושה האָט געזאָגט "לָכֶם" רֹאשׁ חֳדָשִׁים.

דער **מדרש** ברענגט[יב] (שמו״ר טו, ב) [אמר להם הקב״ה לישראל] ביז היצט איז עס געווען מסור בידי, היצט איז עס ביי ענק אין די הענט, אַז דאָס בית דין זאָגט [הן הן לאו לאו, מכל מקום יהא החדש הזה לכם].

שטייט [דאָרט] אין מדרש אַז זיי פרעגן, די אַלע מלאכי מעלה פרעגן "ווען איז ראש השנה?", און דער בורא כל עולמים זאָגט לאָמיר פרעגן דאָס "בית דין של מטה", וויאַזוי "זיי" וועלן קובע זיין.

### כ

ס'שטייט נאָך מער אין **מדרש** אויף אַ פלאַץ אין **ילקוט**, דער ילקוט (רמז קצ) ברענגט עס אויך די וואָך[יג] (בפרשת בא, רמז קצ), דער בית דין זאָגט ס'איז ראש השנה, זאָגט ער ערב ראש השנה שטעלט מען אַלעס, די כִּסָאוֹת [בבית דין שלמעלה], זיי שטייען די פרקליטין די סניגורים, און חלילה די מקטריגים, אַלעס קומט זיך צוזאַם, אינדערמיט איז נשתהו העדים מלבוא [בבית דין שלמטה], מ'האָט נישט קובע געווען און מ'לייגט עס אָפּ אויף אַן אַנדערן טאָג, זאָגט דער בורא כל עולמים מ'זאָל מסלק זיין אַלע כִּסָאוֹת [שלמעלה] און אַ יעדער זאָל זיך גיין, וואָרן דאָס בית דין שלמטה האָט געזאָגט אַז ס'איז נישט ראש השנה איז אויס ראש השנה.

אַזוי שטייט דאָך אין מדרש.

### כא
## ביאור הקושיא על דברי הרמב״ם

דאָס קען זיין טאַקע דער פשט וואָס דער רמב״ם זאָגט [שאם יתבטלו המועדים הוי ביטול האומה].

אַז מ'איז נישט מקדש החודש, איז נישטאָ דאָס מציאות פון דעם "חודש", ממילא די אַלע מועדים פון דעם חודש זענען אויכעט בטל, ס'קען נישט זיין פסח, פסח מוז זיין בט״ו 'לחודש' ניסן, אַז מ'האָט נישט מקדש החודש געווען איז נישט

---

[יב] **במדרש רבה** (בא טו, ב) הַחֹדֶשׁ הַזֶּה "לָכֶם". אמרו מלאכי השרת לפני הקב״ה, רבון העולם אימתי אתה עושה את המועדות, שכן כתיב (דניאל ד, יד) בִּגְזֵרַת עִירִין פִּתְגָמָא, אמר להם אני ואתם מסכים על מה שישראל גומרין ומעברין את השנה שנאמר (תהלים נז, ג) אֶקְרָא לֵאלֹקִים עֶלְיוֹן לָקֵל גֹּמֵר עָלָי, וכן הוא אומר (ויקרא כג, ד) אֵלֶּה מוֹעֲדֵי ה' מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ [אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ] אֹתָם, בין בזמנן בין שלא בזמנן אין לי מועדות אלא אלו. אמר להם הקב״ה לישראל לשעבר היה בידי שנאמר (תהלים קד, יט) עָשָׂה יָרֵחַ לְמוֹעֲדִים, אבל מכאן ואילך הרי מסורה בידכם ברשותכם, אם אמרתם הן הן אם אמרתם לאו לאו, מכל מקום יהא החדש הזה לכם, ולא עוד אלא אם בקשתם לְעַבֵּר את השנה הריני מַשְׁלִים עמכם לכך כתיב הַחֹדֶשׁ הַזֶּה "לָכֶם".

[יג] **בילקוט שמעוני** (פרשת בא רמז קצ) תני רבי הושעיא, גזרו בית דין שלמטה ואמרו היום ראש השנה אמר הקב״ה למלאכים העמידו בימה והעמידו סנגורין ויעמדו ספיקטורין שגזרו בית דין למטה ואמרו היום ראש השנה. נשתהו העדים לבוא, או נמלכו בית דין לְעַבְּרָהּ למחר, הקב״ה אומר למלאכי השרת העבירו בימה ויעברו סנגורין ויעברו ספיקטורין שגזרו בית דין למטה ואמרו ראש השנה למחר, ומה טעם כי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא, אם חק לישראל הוא, מִשְׁפָּט לֵאלֹקֵי יַעֲקֹב (תהלים פא, ה).

געווען ראש חודש, אַז מ'ווייסט נישט, אַז ס'איז נישטאָ קיין ראש חודש, איז נישטאָ קיין ט"ו לחודש, ס'איז נישטאָ דער מספר אין חודש.

**כב**

ההשפעה "מן השמים" שבא בכל יום טוב, הוא רק בזמן שנקבע על ידי בית דין "שלמטה"

הגם דער השפעה קומט דאָך עפּעס "מן השמים" - פאַרשטייט זיך אַליין - פון יעדן יום טוב, שבת הייסט [שבא לגמרי מן השמים, מה שאין כן ביום טוב אמרינן דישראל קדשינהו לזמנים, אבער] ס'קומט 'דאָך' אַ השפעה פון דעם יום טוב, ס'קומט עפּעס אַ השפעה מלמעלה אין אַזאַ מועד, אין אַזאַ הייליגע צייט.

וואָס צדיקים האָבן אין דעם געשפּירט עַד לְהַפְלִיא.

אָבער די השפעה, איז עס דאָך טאַקע אַלעס מן השמים. ס'איז אָבער אָנגעגרייט אויף דעם טאָג און אויף דער שעה און אויף דעם זמן [של קביעות המועד], אַז מ'איז אָבער נישט מקדש החודש, איז נישטאָ דער גאַנצער 'זמן', ווערט עס בטל, קומט נישט די השפעה.

**כג**

וכן "זמן הגאולה", צריך שיהיה דוקא כשהזמן כזה הוא ע"י הבית דין "שלמטה",
ואם אין קביעת חדשים ומועדים ח"ו אי אפשר שתהיה הגאולה

היצט לאָמיר'זשע זען, דער זמן הגאולה האָט דאָך אויך אַ זמן, ווי ער זאָגט [בנזר הקודש] "בעתה" אחישנה. מ'קאָן נאָר דעם זמן צואיילן און איבעררוקן, אָבער ס'האָט דאָך אַ "זמן", ס'איז תלוי אין דעם חודש, אינעם חודש הגאולה אינעם חודש ניסן, [וכשהוא ניסן על ידי קביעת בית דין שלמטה] זאָגט מען דאָס איז 'דער' חודש און צום טאָג און דער שעה און די מינוט ווען די גאולה ברויך צו זיין, דאָס איז אַלעס אָנגעשריבן מתחלת הבריאה אַז דאָס ברויך צו זיין אין 'דעם און דעם' טאָג און אין 'דער און דער' מינוט.

נו [אם יתכן חס ושלום] אַז ס'איז אָבער נישטאָ קיין קידוש החודש, [איז] אַזוי ווי ס'קומען נישט אַראָפּ די השפעה פון אַלע מועדים, פון די אַלע השפעות וואָס זיי ברויכן אַראָפּקומען אין די ימי החודש, קען דאָך די השפעה פון דער "מינוט" פון די "גאולה" אויך נישט אַראָפּקומען, ווערט בטל דער זמן הגאולה אויכעט, ווערט אַלעס בטל.

דאָס [מועד הגאולה] איז דאָך אויך אַזאַ יום טוב ווי אַלע ימים טובים, דאָס איז אויכעט אַן השפעת החג.

נאָר 'דער' השפעה פון פסח קומט "יעדעס יאָר", און 'דאָס' [השפעת הגאולה] קומט נאָר אין "דעם חודש" און אין "דעם יאָר" [שתהיה הגאולה], דאָס איז מקושר מיטן 'חודש' און מיטן 'יאָר' אויכעט, אינאיינעם, אין 'דעם און דעם' יאָר.

די מועדים זענען [תלוי] נאָר אין "חודש", וואָרן ס'איז יעדעס יאָר איינס, ס'איז נישטאָ קיין חילוקי הזמנים פונעם יאָר, נאָר פון די "חדשים", און די גאולה איז תלוי אין "יאָר" און ס'איז אָבער תלוי אין חודש אויך, ס'איז דאָ אַ "חודש הגאולה", אינעם חודש און אין טאָג און אין די מינוט.

KolSatmar.com

[נמצא שאם אין יכול להיות קידוש החודש] אַז ס'איז נישטאָ די השפעות פון דעם גאַנצן חודש, די אַלע מועדים טובים, ממילא איז נישטאָ די השפעה פון די רגע פון דעם זמן הגאולה, חלילה ווערט בטל די גאולה אויכעט.

### כד
## אם אין יכול להיות הגאולה אז הוא שפיר ביטול האומה
ומובן היטב דברי הרמב"ם

און 'דאָס' [ביטול הגאולה ח"ו] איז יאָ שוין זיכער חלילה ביטול האומה.

**דאָס גאַנצע חיות איז נאָר דאָס וואָס מ'האָפט, מ'ווייסט אַז אידן וועלן אויסגעלייזט ווערן, מ'וועט אויפגעבויעט ווערן.**

'דאָס' איז טאַקע אַ חורבן [וכליון האומה, דאם אין גאולה חס ושלום] איז "דאָס" [העולם שאנו חיים בו בזמן הזה] אויך גאָרנישט קיין 'עולם', דאָס גאַנצע [קיום האומה וקיום העולם בזמן הזה] איז נאָר על שם העתיד, [שיודעין כי] משיח וועט קומען מ'וועט געהאָלפן ווערן, אידן וועלן תשובה טון.

[וכן בַּשָּׁמַיִם] דאָס אַלעס זעט מען דאָך פון אויבן אויפ'ן הימל [גם בזמן הזה], הקב"ה איז עָבַר און הֹוֶה און עָתִיד ברגע אחד.

**אויבן בַּשָּׁמַיִם זעט מען 'שוין' די שמחה, זעט מען שוין דאָס אַלעס וואָס ס'וועט זיין שפּעטער, די גאולה.**

נאָר דאָ, בעוונינו הרבים איז פאַרשמירטע אויגן, דאָס חשכות הגלות. [אבל עם כל זאת מתקיימים בתקות הגאולה שעתידה לבוא].

### כה
בזוהר הקדוש: לולי שרואין בגלות את כל הנחמות שיהיו בזמן הגאולה, לא היו ישראל יכולים להתקיים בגלות

ס'שטייט דאָך אין **זוהר הקדוש**[י"ד] אַז מ'העט זיך נישט געקאָנט דערהאַלטן אין גלות ווען מ'העט נישט געזען - דער זוהר הקדוש אין פרשת כי תשא זאָגט ער, - ווען מ'העט נישט געזען וואָס ס'שטייט.

**דער התחזקות פון די נֶחָמוֹת וואָס ס'וועט זיין נאָך דער גאולה, דאָס גיט דעם גאַנצן כח, דעם גאַנצן התחזקות, אַז נישט העט מען עס נישט אויסגעהאַלטן** [הגלות].

### כו
מסקנת הביאור בדברי הרמב"ם

היוצא לנו מזה, די גאולה איז טאַקע נאָר דאָס גאַנצע [כח הקיום], ווען נישט איז טאַקע אַ חורבן, כליון האומה.

דאָס קען זיין טאַקע דער פשט אין רמב"ם, אַז ס'איז נישטאָ קיין מועדים איז 'דער' מועד אויך נישטאָ, דער מועד הגאולה, איז גאָרנישט דאָ, איז טאַקע חלילה אַ כליון. און דאָס איז אַלעס תלוי אין קידוש החודש.

[עד כאן ביאור דברי הרמב"ם שאמר רבינו בדרשה שב"ק פנחס תשי"ט בארץ ישראל].

(רבינו מנגן כאן את ניגון דביקות הידוע של הרה"ק מקאלוב זי"ע על תיבות "גלות גלות")

---

[י"ד] **בזוהר הקדוש** (כי תשא קפח:). זַמִּין קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְמֶעְבַּד לְיִשְׂרָאֵל, כָּל אִינּוּן טַבְאָן, דְּקָאָמַר עַל יְדֵי נְבִיאֵי קְשׁוֹט, וְיִשְׂרָאֵל סָבְלוּ עֲלֵיהוֹן, כַּמָּה בִּישִׁין בְּגָלוּתְהוֹן. וְאִלְמָלֵא כָּל אִינּוּן טַבְאָן דְּקָא מְחַכָּאן וְחָמָאן כְּתִיבִין בְּאוֹרַיְיתָא, לָא הֲווֹ יָכְלִין לְמֵיקָם וּלְמִסְבַּל גָּלוּתָא. אֲבָל אָזְלִין לְבֵי מִדְרָשׁוֹת, פָּתְחִין סִפְרִין, וְחָמָאן כָּל אִינּוּן טָבָאן, דְּקָא מְחַכָּן, וְחָמָאן כְּתִיבִין בְּאוֹרַיְיתָא, דְּאַבְטַח לוֹן קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עֲלַיְיהוּ, וּמִתְנַחֲמִין בְּגָלוּתְהוֹן.

KolSatmar.com

כז

# ביאורי הקושיות בפרשת החודש

## הכח ביד חכמי ישראל לשלוט על הטבע ועל מערכת השמים

הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, זאָגט דער מדרש (הנ"ל הערה יב) כ'האָב ענק איבערגעגעבן [הכח לקדש חדשים], ביז היצט האָב 'איך' עס מחדש געווען, אַצינדערט איז עס ביי 'ענק' אין די הענט, [והקב"ה מסכים על מה שישראל גומרין ומעברין את השנה שנאמר] אֶקְרָא [לֵאלֹקִים עֶלְיוֹן] לָקֵל גֹּמֵר עָלָי (תהלים נז, ג).

כח

יש כח ביד החכמים לשנות טבע הגוף על ידי קביעת החודש

די גמרא זאָגט [בירושלמי (נדרים פרק ו, הלכה ח) אמר רבי אבון אֶקְרָא לֵאלֹקִים עֶלְיוֹן לָקֵל גֹּמֵר עָלָי] קטנה בת ג' שנים אֵין בתוליה חוזרים, נתעברה השנה איז צוריק בתוליה חוזרים[טו].

[ועוד מצינו שאמרו חכמינו ז"ל] שִׁיפּוּרָא גָּרִים[טז].

שִׁיפּוּרָא גָּרִים זאָגט דאָך די גמרא (נדה לח.), אפילו אין דער טבע אנושיית פון די וסת [החודש] איז תלוי אַלעס [באותו יום בחודש שעל פי חשבון הבית דין בקידוש החודש של הבית דין ולא לפי חשבון הלבנה עצמה], שִׁיפּוּרָא איז גורם.

נאָכ'ן עיבור החודש רוקן זיך נאָך דאָס גאַנצע טבעיות, ווי גלייך ס'העט געווען טאָקע [הילוך הלבנה כך], ס'איז גיוועדט אין דעם חודש, ס'איז גיוועדט אין 'דעם', וויאַזוי 'דאָס בית דין' זאָגט[יז]. (וע"ע לקמן אות לט)

כט

הקדמה לביאור קושיא ב - ג - ד

איבערדעם איז רעכט [מה שהכפיל הכתוב לומר רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם].

לעולם איז אַזוי, רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם דאָס גייט אַרויף אויף דער גאולה. אַזוי ווי ס'איז געוועזן ביי גאולת מצרים [שהיה ניסן ראש לגאולה, כך] די גאולה העתידה וואָס ס'וועט זיין [יהיה ניסן חודש הרִאשׁוֹן לגאולה][יח]. (ההמשך לקמן אות לב)

---

[טו] כגון שנולדה בא' אדר, וכשמלאו לה שלש שנים והגיע א' אדר, הרי היא בת שלש שנים ויום אחד ואין בתוליה חוזרין, ואם קיבל לה אביה קידושין ובא עליה אחר חייב סקילה, ואולם אם אחר כך עיברו בית דין את השנה, אינה נעשית בת ג' שנים ויום אחד עד א' לאדר השני, נמצא שבתוליה חוזרין ואין הבא עליה חייב סקילה.

[טז] שיפורא גרים. פירש רש"י והתוספות שופר שתוקעין בו בית דין בקידוש החודש.

ובערוך לנר הקשה, דהיכן מצינו שתקעו בשופר בשעת קידוש החודש, ועוד דבחודש שלא נראה הלבנה שקדשוהו שמים בודאי לא תקעו הבית דין. ולכן מפרש שקאי על השופר שתקעו בשעה שהקריבו המוסף דראש חודש.

אמנם בפרש"י (סנהדרין מא: בד"ה שיפורא) מבואר להדיא "שופר היו תוקעין בקידוש החודש, ביום שהוא מתחיל, הן מלא הן חסר".

[יז] ועיין בשו"ע יו"ד סימן קפט סעיף ו, ובש"ך שם סקי"ג.

[יח] במדרש רבה (בא טו, יא), משבחר הקב"ה בעולמו קבע בו ראשי חדשים ושנים, וכשבחר ביעקב ובניו קבע בו ראש חודש של גאולה שבו נגאלו ישראל ממצרים ובו עתידין ליגאל וכו', ובו רָמַז להם לישראל שהוא ראש להם לתשועה, שנאמר רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה.

KolSatmar.com

## ל
## הגאולה העתידה הוא במדריגה יותר מגאולת מצרים

גאולת מצרים היתה רק ממצרים, וגאולה דלעתיד יהי׳ מכל הארצות

כ׳האָב היינט אַזוי אינאַכט געגומען דאָ אין פייט אין פרשת החודש [שיש שם ענין חידוש, ושינוי מלשון הפסוק].

לעולם שטייט דאָך, די משנה זאָגט דאָך (ברייתא בברכות יב:) [שמביא לשון הפסוק (ירמי׳ כג, ז) לָכֵן הִנֵּה יָמִים בָּאִים נְאֻם ה׳ וְלֹא יֹאמְרוּ עוֹד] מ׳וועט נישט זאָגן **לעתיד חַי ה׳ אֲשֶׁר הֶעֱלָה וגו׳ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם כִּי אִם** [חַי ה׳] **אֲשֶׁר הֶעֱלָה משאר** [מִכֹּל] **אֲרָצוֹת**.

[ומפרש בברייתא, לא שתעקר יציאת מצרים ממקומה אלא שתהא שעבוד מלכיות עיקר ויציאת מצרים טפל לו, כי הגאולה העתיד] דאָס וועט זיין אַ גרעסערער גאולה [מגאולת מצרים, ולכן אמר הכתוב שלא יאמרו עוד אשר העלה ממצרים], דער חילוק [אַז] דערפריער האָט מען געזאָגט אֲשֶׁר הֶעֱלָה ״מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם״ און אַצינד זאָגט מען אֲשֶׁר הֶעֱלָה ״משאר אֲרָצוֹת״.

## לא

גאולת מצרים היתה על ידי נביא, וגאולה דלעתיד יהי׳ על ידי הקב״ה בעצמו

און אין פייט (בשחרית לפני קדושה) שטייט עס מיט אַן אַנדער לשון, **וְלֹא יֹאמְרוּ** [עוֹד] מ׳וועט נישט זאָגן **אֲשֶׁר הֶעֱלָה ״בְּנָבִיא״**, [כִּי אִם חַי ה׳] **אֲשֶׁר ״הֶעֱלָה״** [וַאֲשֶׁר הֵבִיא].

ביז היצט איז געווען [על ידי הקב״ה, אבל היה הגאולה גם] על ידי נביא, ס׳איז געווען מיט משה ואהרן [שנקראו גואלים, וכתיב (מיכה ו, ד) כִּי הֶעֱלִתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם וגו׳] וָאֶשְׁלַח לְפָנֶיךָ אֶת מֹשֶׁה אַהֲרֹן וּמִרְיָם. [אבל לעתיד יהיה הכל ע״י הקב״ה בעצמו].

שטייט טאַקע אויך אין מדרש אויף דעם פסוק הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם (שמו״ר טו, יד), אַז **לעתיד וועט הקב״ה אַליין זיין דער גואל ישראל.**

אליהו וועט נאָר ׳מבשר׳ זיין, ס׳וועט ׳מיטקומען׳ משה רבינו, אַלעס וועט ׳מיטקומען׳, אָבער דער ״גואל ישראל״ וועט זיין הקב״ה בכבודו ובעצמו, [ולכן] וועט עס זיין אַ גאולה נצחית[יט].

## לב

ביד ישראל הוא הכח לקדש החודש שבו תלוי הגאולה, אבל הגאולה בעצמו הוא רק ביד השי״ת

איבערדעם איז אַזוי, צו דער גאולה טאָר מען דאָך גאָרנישט טוהן, קיין שום פעולות נישט, מ׳איז דאָך מושבעים ועומדים (כתובות קיא.), אפילו תפילה איז דאָך באַגרענצט, אַזוי ווי ס׳שטייט ווי רש״י זאָגט (כתובות שם) שלא יתפללו יותר מדאי, אָבער על כל פנים מיט קיין פעולה ממשיות [ודאי לא].

נאָר וואָס׳זשע דען, אידן מאַכן אָבער דאָך די גאולה [על ידי זה] וואָס מ׳מאַכט חדשים, מ׳מאַכט חדשים, און אינעם חודש ווערט געבוירן די מועדים און דער קץ פון דער זמן הגאולה, דאָס איז ביי אידן אין די הענט. ווייטער דאָס איבעריגע איז שוין ביים באַשעפער אין די הענט.

---

[יט] במדרש תנחומא (אחרי סימן יב): אמר רבי אמי משה מְקַלֵּס לכנסת ישראל (דברים לג, כט) אַשְׁרֶיךָ יִשְׂרָאֵל מִי כָמוֹךָ עַם נוֹשַׁע בה׳ וכו׳, אמר הקב״ה בעולם הזה הייתם נושעים על ידי בני אדם, במצרים על ידי משה ואהרן, בימי סיסרא על ידי ברק ודבורה, בְּמִדְיָנִים על ידי שַׁמְגַּר בֶּן עֲנָת וכו׳, ועל ידי שהיו בשר ודם הייתם חוזרין ומשתעבדין, אבל לעתיד לבא אני בעצמי גואל אתכם ושוב אין אתם משתעבדין, שנאמר (ישעי׳ מה, יז) יִשְׂרָאֵל נוֹשַׁע בַּה׳ תְּשׁוּעַת עוֹלָמִים.

## לג
### ביאור קושיא ד

הפסוק החודש הזה וגו', מתפרש כולו על ענין הגאולה

ובריש מיירי מקידוש חודש הגאולה שזה מתחיל בישראל ולכן הקדים אצלם "לָכֶם" ואח"כ "ראש חדשים".

**איבערדעם זאָגט ער אַזוי, הַחֹדֶשׁ הַזֶּה איז "לָכֶם" רֹאשׁ חֳדָשִׁים, קודם דאָס איז ביי ענק אין די הענט פריערער, פאַר'ן "ראש חדשים", עטץ ברויכטס עס מאַכן** [לקבוע זמן החודש ניסן].

## לד
### ביאור קושיא ב - ג

ובסיפא כפל וכתב רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה, שזה קאי על עצם הגאולה, ולזה כתב "לָכֶם" לאחרונה, להודיע שהגאולה מתחיל ותלוי רק בהקב"ה שיכין זאת "לָכֶם", ואין שום הקדמת פעולה מצדינו.

**דערנאָכדעם ווערט עס אַ "ראשון", וואָס ס'ווערט אַ חודש הגאולה, דורכדעם הייסט דאָך עס "ראשון" אַזוי ווי דער מדרש זאָגט דאָס** [בפירוש סיפא דקרא] (לעיל הערה יח)**, דעמאָלטס ווערט עס שוין קודם "ראשון"** [ע"י הקב"ה]**, נישט דורך אייך, דאָס איז נאָר דורך הקב"ה, הקב"ה פירט עס דורך דעם זמן** [הגאולה] **אָן אַ שום פעולה אנושיות מבני אדם, אָן אַ שום פעולה, טאַקע 'אויסדרוקליך'** [נאר] **ווען ס'איז נישטאָ קיין שום פעולה אנושיות מבני אדם, אַז נישט** [שאם עושין איזה פעולה] **חלילה פאַרדאַרבט מען.**

[ולזה אמר בסיפא דקרא, דרק קביעת החודש הוא על ידי בני ישראל, אבל] **דאָס איבעריגע איז שוין "רִאשׁוֹן" הוּא "לָכֶם"** [כתב "ראשון" מקודם]**, אַז ס'איז ראשון** [זמן הגאולה]**, שטייט קודם "ראשון" דעם צווייטן מאָל** [=בהסיפא]**, און דערנאָך "לכם", דאָס איז נאָר פון הקב"ה קומט עס** [וזה "ראשון" בלא לכם תחלה]**, און ס'קומט אָן פאַר אידן בעתו ובזמנו פון הקב"ה** [בלא שום עיכוב. וזהו "לכם" שבסיפא. ואם לא היה חוזר ואומר "לכם" רק היה סומך על הרישא, היה נמצא דראשון היה כתוב אחר לכם, והכתוב רצה דוקא שהראשון יהיה בלא הקדמת לכם].

**דער מדרש זאָגט אין שיר השירים** (ב, ז) **הִשְׁבַּעְתִּי אֶתְכֶם בְּנוֹת יְרוּשָׁלַיִם** [וגו' עַד שֶׁתֶּחְפָּץ, מהו עַד שֶׁתֶּחְפָּץ, מלכות של מַעְלָן]**, ווען ס'וועט קומען וועל איך עס נישט אויפהאַלטן ניטאַמאָל אַ רגע, מעצמה אני מביאה בקולי קולות ולא אתעכב**[כ]**,** [לכך נאמר עַד שֶׁתֶּחְפָּץ. עד כאן המדרש].

**היוצא לנו מזה, איז דאָס צוויי זאַכן** [הרישא וסיפא דקרא, דרישא מיירי מקידוש החודש התלוי בישראל, וסיפא מיירי מעצם הגאולה התלוי רק בהקב"ה].

## לה
### הקדמה לביאור קושיא ה

ביאור מה שהדברים שיתגלו לעתיד נקראו בשם "חדשות", או שמים וארץ "החדשה"

**דער אמת שטייט אין מדרש אין בראשית רבה** (א, יג)**, בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ, זאָגט דער מדרש אף השמים והארץ החדשה** [שכתוב בהן (ישעי' סה, יז) כִּי הִנְנִי בוֹרֵא שָׁמַיִם חֲדָשִׁים] **איז אויך נברא געוואָרן** [מששת ימי בראשית, הדא הוא דכתיב (שם סו, כב) כִּי כַאֲשֶׁר הַשָּׁמַיִם הַחֲדָשִׁים וְהָאָרֶץ הַחֲדָשָׁה, הארץ חדשה אין כתיב כאן אלא הַחֲדָשָׁה. ופרש"י שנתחדשו כבר בבריאת שמים וארץ].

---

[כ] בעץ יוסף מפרש, דדריש סמוכין עַד שֶׁתֶּחְפָּץ קוֹל דּוֹדִי הִנֵּה זֶה בָּא, שמרמז דכשתחפוץ מדת הדין, אז קוֹל דּוֹדִי הִנֵּה זֶה בָּא בקולי קולות ולא יתעכב, שתיבת הִנֵּה מרמז על המְּהִירות בלי עיכוב.

KolSatmar.com

ס׳שטייט דאָך אַז לעתיד וועט זיין שמים וארץ חדשה, דאָס איז אויך איינס פון די צען זאַכן (במדרש שבקושיא ה), [כדכתיב] הָאָרֶץ [כַּבֶּגֶד] תִּבְלֶה, שָׁמַיִם כֶּעָשָׁן נִמְלָחוּ (ישעי׳ נ״א ו׳), ס׳וועט זיין אַנדערע שמים וארץ חדשים, [וכתיב] כִּי כַאֲשֶׁר הַשָּׁמַיִם [הַחֲדָשִׁים] וְהָאָרֶץ הַחֲדָשָׁה [אֲשֶׁר אֲנִי עֹשֶׂה] עֹמְדִים לְפָנַי [נְאֻם ה׳] כֵּן יַעֲמֹד זַרְעֲכֶם וְשִׁמְכֶם, שטייט (במדרש שם) אַז דאָס אַלעס איז באַשאַפן געוואָרן בששת ימי בראשית, אָנגעגרייט, אַזוי די אַלע דברים חדשים וואָס זיי וועלן זיין, איז אַלעס מוכן.

### לו

נאָר וואָס׳זשע דען, וואָס דען הייסט עס ״חֲדָשׁוֹת״ [שהכתוב אומר על זה ״וחדשות אני מגיד] ?

[אמנם הכוונה לדרכינו] ווייל ס׳איז גיוועגדט אין ״התחדשות״ החודש, וואָרן אַז אידן זענען נישט ״מחדש״ דעם חודש [אין הם במציאות], דאָס איז דאָך אַלעס תלוי אין אַ זמן [ענין הגאולה], מ׳האָט דאָך דאָס אָנגעהאָנגען אין אַ זמן, אַזוי ווי מ׳האָט אָנגעהאָנגען אַלע מועדים אין אַ זמן, אַז מ׳איז נישט מקדש החודש איז עס נישטאָ בעולם, און דורכן התחדשות החודש, מיט דעם וואָס מ׳איז מחדש חדשים, וועלן אַפירקומען די אַלע זאַכן [ולזה נקראים ״חדשות״ אף שכבר נבראו מבראשית, דמ״מ עדיין צריך ״להתחדשות״ החדשים, ומטעם זה הם נקראים ״חדשות״].

### לז
### ביאור קושיא ה

ביאור תירוץ המדרש על השאלה והא כתיב אין כל חדש תחת השמש

[דאָס] זאָגט דער מדרש, **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים** [שעל ידי קידוש החודש שתלוי בבני ישראל] דורכדעם וועט זיין **ראשון הוא לכם** [שמרמז על הגאולה]. ס׳איז גיוועגדט אין חידוש חדשים.

**זה שאמר הכתוב הָרִאשֹׁנוֹת הִנֵּה בָאוּ**, אַלעס איז געקומען [מכבר, שנברא מששת ימי בראשית (כנ״ל אות לה)], **נאָר וַחֲדָשׁוֹת אֲנִי מַגִּיד**, הקב״ה זאָגט חדשות, נאָר איי ווי קען זיין חֲדָשׁוֹת [הלא כתיב מַה שֶּׁהָיָה הוּא שֶׁיִּהְיֶה וְאֵין כָּל חָדָשׁ], זאָגט ער ניין, מיינט מען די זאַכן פון לעתיד, [און] איבערדעם הייסט עס חֲדָשׁוֹת ווייל ס׳איז גיוועגדט אין הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם, אין התחדשות החדשים, אַז אידן מאַכן אַ נייעם חודש מ׳איז מחדש החדשים.

איבערדעם הייסט עס [חֲדָשׁוֹת], ווייל ס׳איז נישטאָ נאָך בעולם [מציאות החודש המיועד לגאולה], וואָרן ווילאַנג ס׳איז נישטאָ דער חודש איז נישטאָ דער זמן, איז נישטאָ דאָס מציאות נאָך בעולם, [כשם] ס׳איז נישטאָ דער פסח, דער חג, ס׳איז נישטאָ דער סוכות, ס׳איז נישטאָ דער ראש השנה בעולם, ווייל ס׳איז תלוי אינעם חודש, און אַז ס׳איז נישט געמאַכט געוואָרן דער חודש [איננו בעולם]. איבערדעם הייסט עס ״חֲדָשׁוֹת״, ווייל ס׳איז גיוועגדט אין דעם וואָס אידן וועלן מאַכן דעם חודש.

איבעדעם זאָגט ער, איז וַחֲדָשׁוֹת אֲנִי מַגִּיד, איז עס מיט דעם פאַרענטפערט ער דאָס, אַז נישט [אַז ס׳איז] בעצם חֲדָשׁוֹת נאָר ס׳איז בהכרח חדשות, ווייל ס׳איז תלוי אין אַ זאַך וואָס ס׳ברויך נתחדש ווערן דורך אידן, דער חודש.

KolSatmar.com

## לח
## הקדמה לביאור קושיא ו
### כל תהלוכת מערכת השמים תלוי בבית דין של מטה

**אַז אידן הָאבן מְעַבֵּר געווען החודש הָאט מען אָוועקגעלייגט די כסאות** (כדעיל אות כ) **שנאמר חק ומשפט לישראל** [ומה טעם, כי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא מִשְׁפָּט לֵאלֹקֵי יַעֲקֹב. כשהוא לישראל חוק, רק אז הוא מִשְׁפָּט לֵאלֹקֵי יַעֲקֹב].

**דאָס** [מערכת השמים] **ווערט אָנגערופן חֹק,** [כדכתיב (ירמי' לג, כה)] **חֻקּוֹת** [שָׁמַיִם וָאָרֶץ].

[וכן מצינו במדרש על הפסוק (ויקרא כו, ג)] **אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ, זאָגט דער מדרש** (ילקוט רמז תרע) **בְּחֻקֹּתַי, חֻקּוֹת שֶׁחָקַקְתִּי בָּהֶם שָׁמַיִם וָאָרֶץ.**

**אַלע חקי שמים וארץ, די מערכת השמים גייען, זענען תלוי אין דעם, איז עס תלוי אין בית דין של מטה.**

## לט

.. [ס'איז ידוע דער] **קדושת לוי וואָס ער זאָגט**[כא] [לפרש דברי רבן גמליאל שאמר "כך מקובלני מבית אבא", אַז] **די לבנה פעם בא בארוכה ופעם בא בקצרה.**

**פלאָגן זיך אַלע וואָס איז דער פשט, ווי קען זיין בארוכה און בקצרה, דער רמב"ם פלאָגט** [זיך בזה, דהלא קבלה בידינו שצריך להיות כ"ד שעות בלא לבנה], **זיי פלאָגן זיך אַלע פשט.**

**זאָגט דער קדושת לוי, דער פשט איז פעם בא בארוכה ופעם בקצרה, ווייל אַז דאָס בית דין זאָגט אַנדערש** [כגון שיש להם צורך לְעַבֵּר או לְחַסֵּר החודש, אז משתנה הילוך הלבנה וכל הטבעיות, כי יש להם הכח על מאור הלבנה ועל מאור החמה לעשות כרצונם].

**די גמרא זאָגט דאָך** [דאָרט, אַז רַבִּי חִיָּיא] **ער איז געגאַנגען** [חַזְיָא לְסִיהֲרָא דַּהֲוָה קָאֵי בְּצַפְרָא דכ"ט[כב]], **שָׁקַל קָלָא פָּתַק בֵּיהּ** [פירוש, נָטַל גוש עפר מן האדמה וְזָרְקָהּ כנגד הלבנה. **אָמַר,**

---

[כא] **וזה תוכן דברי הקדושת לוי** (כללות ימים טובים) בקיצור הלשון:

במשנה (ראש השנה כד:) [מעשה שבאו שני עדים ואמרו שראו הלבנה הישנה] **שחרית במזרח,** [ואח"כ] **ערבית** [ראו הלבנה החדשה] **במערב.** אמר רבי יוחנן בן נורי עדי שקר הם [שהרי קבלה בידינו שיש כ"ד שעות בין סוף ראיית הלבנה הישינה לתחילת לבנה החדשה]. וכשבאו ליבנה קבלן רבן גמליאל. ואמרינן בגמרא, מאי טעמא דרבן גמליאל, **כך מקובלני מבית אבא פעמים בא בארוכה ופעמים בא בקצרה** [שלפעמים שהלבנה בא בדרך קצרה, ויכולין לראותה בפחות מכ"ד שעות]. והנה כל המפרשים, ובראשם הוא מאור עינינו **הרמב"ם ז"ל** (בפירוש המשניות ר"ה ב, ח), תמהו על זה, הלא אמרו חז"ל לעיל (כ:) כ"ד שעות מיכסי סיהרא וכו'.

ונראה, שלפעמים היה הבית דין הגדול צריכין לְעַבֵּר לחודש או לְחַסְּרוֹ. ולכן אמרו (שם כה.) רַבִּי חִיָּא הֲוָה קָא חָזֵי לְסִיהֲרָא דְּקָאֵי בְּצַפְרָא בְּעֶשְׂרִים וְתִשְׁעָה, אָמַר לְאוֹרְתָא בְּעֵינָא לְקַדּוּשֵׁי וְאַתְּ קָאֵי הָכָא, זִיל אִיכַּסְיָיא, ויש נוסח 'וְאִזְלָא וְאִיכַּסְיָיא'. והנה עבור שרבי חייא היה רוצה לקדש את החודש, היה מְצַוֶּה את הלבנה לְכַסּוֹת, וכן עשתה הלבנה וְאִיכַּסְיָיא, שבני ישראל יש להם כח על מאור הלבנה ועל מאור החמה לעשות כרצונם. ואם צריכין בית דין, אזי נראית הלבנה שלא בזמנה או נתכסה הלבנה שלא בזמנה.

ועתה נראה, במעשה של רבן גמליאל שהעידו לפניו שראו אותה שחרית במזרח וערבית במערב, היינו שרבן גמליאל היה רוצה לחסר את החודש, וצוה רבן גמליאל על הלבנה שתראה שלא בזמנה, ועשתה הלבנה רצון בית דין ונראית שלא בזמנה. נמצא לפי זה, שהקבלה דכ"ד שעות מיכסי סיהרא היינו רק כשאין צורך בית דין לחסרו או לעברו, אז עולם כמנהגו נוהג.

והנה קידוש החודש ב"ראש בית דין" תליא מילתא, ורבן גמליאל היה נשיא ועיקר קידוש החודש תלוי בו, וידע שצריכין לחסר החודש, וידע שצוה על הלבנה שתראה שלא בזמנה, לכן קבלן רבן גמליאל. אבל ר' יוחנן בן נורי לא ידע שצוה רבן גמליאל על הלבנה שתראה שלא בזמנה, ולכן אמר 'עדי שקר הם', דכ"ד שעות מיכסי סיהרא. ועיין שם עוד בקדושת לוי באריכות.

[כב] היינו כ"ט אלול, ורצה רבי חייא שבלילה יהיה ראש השנה, מפני שיום הכיפורים לא יחול סמוך לשבת, ולזה צוה על הלבנה שתתכסה ולא יראו אותו, כדי שלא ירננו על שקידש החודש בתוך כ"ד שעות שראו הלבנה הישנה.

לְאוֹרְתָא בְּעֵינָא לְקַדּוּשֵׁי בָּךְ וְאַתְּ קַיֶּמֶת הָכָא, זִיל אִיכַּסְיָא], איז זי צוריקגעגאַנגען [וְאָזְלָא וְאִיכַּסְיָיא. אָמַר רַבִּי לְרַבִּי חִיָּיא 'זִיל לְעֵין טָב וְקַדְּשֵׁיהּ לְיַרְחָא'].

[ועכ"פ רואים שהיה לרבי חייא הכח לצוות עליה שתתכסה בבוקר. - ע"כ מקודשת לוי] [כג].

**מ**

**ביאור קושיא ו**

בקידוש החודש רואין שגם הארציות תלוי ביד התורה ושומריה

[ובזה יתפרש דברי המדרש הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, זה שאמר הכתוב] **וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ "חֻקָּיו", חק ומשפט לישראל, ס'ווערט דאָך אָנגערופן חק, די חקות החדשים, חקות שמים וארץ, די גאַנצע תהלוכות פון די מערכת השמים.**

[ועל כן כשאמר הכתוב החודש הזה לכם, דקביעת החודש מסור בידינו, אם כן] **ממילא דאָס טבעיות "הָאָרֶץ" אַלעס איז תלוי אין דעם.**

[וזהו שנאמר] **וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ, דורכדעם איז מען גורם דעם וַיִּתֵּן לָהֶם "אַרְצוֹת" גּוֹיִם** [שכל "הארציות" אפילו הטבע שלה, תלוי בשומרי התורה].

**מא**

**ביאור קושיא ז**

כדי שיתנהג כל מערכות שמים וארץ על פי קביעת הבית דין, צריך להיות שם הסכמת הקב"ה והשראת השכינה

**די חדשים איז פאַר'ן בורא כל עולמים'ס וועגן, דאָס איז קבלת פני השכינה, ס'ווערט געפירט אַלעס** [בטבע העולם על פי זה שהקב"ה מְשַׁנֶּה הכל על פי קביעות הבית דין].

[ולכן] **שטייט ביי דעם** [ה'] **בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן** (במדרש בקושיא ח)**, און זֶה קֵלִי וְאַנְוֵהוּ** (במדרש בקושיא ז), [שהקב"ה מסכים על ידם של הבית דין, און] **דורכדעם קומט** [אַלעס נאָך], **ס'ווערט דערנאָך געפירט אַלעס מיט דעם** [בדרך נס מסגולת שמירת התורה, וכדלקמן].

**מב**

**הקדמה לביאור קושיא ח**

סגולת מצות תקיעת שופר, שמתבלבל השטן על פי נס

**אַזוי ווי ווען אידן בלאָזן שופר** [נעשה נס בכח מצות תקיעת שופר].

**כ'האָב געזאָגט דעם ראש השנה** [בדרשת תקיעת שופר תש"כ, לפרש מ"ש בירושלמי (הובא בתוס' ר"ה טז:) כתיב (ישעי' כה, ח) בִּלַּע הַמָּוֶת לָנֶצַח וכתיב (ישעי' כז, יג) וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא יִתָּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל, כַּד שָׁמַע קָל שִׁיפּוּרָא] **אַז דער שטן זאָגט ס'איז אודאי דער שופר, דער קול שׁוֹפָר גָּדוֹל וואָס ס'איז ווען משיח וועט קומען, ועתיד לְהִתְבַּלַּע[כד] מן הארץ,** [ונעשה מבולבל ואינו יכול לקטרג עוד].

**לכאורה איז דאָך דאָס אַ הפלא ופלא, וואָס, יעדעס יאָר הערט ער דאָך בלאָזן, ווייסט ער דען נישט וואָס דאָס איז, אַז אידן בלאָזן שופר ווייל מ'איז מְצֻוֶּה,** [וכבר ראה אֵיךְ] **מ'האָט אַלע יאָרן געבלאָזן און משיח איז נישט געקומען.**

**און אויכעט** [קשה], **ער זעט דאָך 'ווער' ס'בלאָזט** [כהיום, ולמה מתיירא, והלא לעתיד] **וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא יִתָּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל מיינט מען** [דאָך] **אליהו.** [וכשאנו תוקעין בראש השנה] **באַלד ווערט ער עפּעס אַזוי פאַרפּאָפּט ער זאָל ווערן אינגאַנצן** [מבולבל]?

**האָב איך געזאָגט אין הכי נמי, מיטן דרך הטבע איז נישט צו פאַרשטיין, נאָר דאָס איז פון די "נסים", ס'איז די 'סגולה' פון שופר.**

---

[כג] ועיין בזה בדברי רבינו באורך בס"ג שבת החודש תשט"ז.

[כד] לשון בִּלַּע הַמָּוֶת. ופרש"י יְכַסֶּנּוּ וִיעַלִּימֶנּוּ עוֹלָמִית מִיִּשְׂרָאֵל. (וקאי על מלאך המות. עיין אותיות דר' עקיבא, ובתיקו"ז כב).

KolSatmar.com

### מג
ברמב"ן: כשעוסקים בתורה עושה הקב"ה נסים המלובשים בדרך הטבע

דער **רמב"ן** זאָגט דאָך (סוף פ' בא, ופ' בחקותי כו יא) אַז יעדער 'שכר' איז 'נסים', זאָגט ער ס'שטייט (ר"פ בחקותי) **אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ** [ופירש רש"י עפ"י תורת כהנים] **שתהיו עמלים בתורה**, [אָז יהיה] **וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם**, [ולכאורה] איז דען דאָ פאַרהאַנדן אויף דעם אַ דרך הטבע?, אַז מ'איז עוסק בתורה דעמאָלטס גייט רעגן?, מיטן דרך הטבע איז קיין שום סיבה נישט.

נאָר דער בורא כל עולמים האָט אַזוי דאָס אַריינגעגעבן אַזוי, דאָס איז 'נסים', אָבער דאָ אין עולם הזה וויאַזוי ברענגט דאָס אַ מצוה [שיהיה כן בשכר עולם הזה], זאָגט ער **אַלעס איז נסים**, נאָר וואָס דען נאָר ס'איז **'מכוסה בטבע'**, מ'ווייסט נישט מ'זעט נישט, ס'איז נישט קיין 'שִׁדּוּד הַמַּעֲרָכָה', דער רעגן קומט נאָרמאַל, נאָר דער סיבה איז געווען דורך **תורה** און דורך **שבת**, דורך אַזעלכע זאַכן, אָבער דאָס בעצם דאָס איז 'נסים'.

דאָס [מצות תקיעת שופר] איז אויך אַזוי, קיין דרך הטבע איז דאָס נישט אַז דער שטן [יתבלבל על ידי תקיעת שופר], נאָר דער בורא כל עולמים האָט אַריינגעגעבן אין די סגולת השופר, האָט ער אַריינגעגעבן אין דעם אַז דער שטן זאָל מבולבל ווערן, ער זאָל אַזוי מיינען דעמאָלטס, כדי ער זאָל מבולבל ווערן[כה].

### מד
מה שמתבלבל השטן בתקיעת שופר הוא משום מדה כנגד מדה,
יען שהוא מטעה ומפתה בני אדם אפילו בדרך 'נס' שיסברו על עבירה שהוא מצוה

[והטעם שעשה הקב"ה כך, הוא משום דהוא] **מדה נגד מדה** [יען שהשטן הוא מבלבל דעת בני אדם, על כן מתבלבל הוא עצמו].

ס'איז דאָך טאַקע ידוע וואָס דער **בעל שם טוב הקדוש** האָט געזאָגט[כו] [בהגמרא ותוס' (שבת עה.)] **שוחט דעלמא** וואָס ס'איז **מחייב משום צובע**, [דקאי על השטן, והפירוש הוא דיתחייב לעתיד ווייל] ער פאַרנאַרט יעדן און ער איז צובע אַ מצוה פאַר אַן עבירה.

[דלכאורה קשה] פאַרוואָס קומט אים [ליצר הרע] אַ עונש, מ'האָט דאָך אים געהייסן אָנרעדן [לְפַתּוֹת בני אדם], מ'האָט דאָך אים, ער איז אויף דעם באַשאַפן געוואָרן.

נאָר וואָס דען, מ'האָט אים געהייסן אָנרעדן [דעם מענטש אז] ס'זאָל אים 'ציען' צו אַ עבירה, אָבער [אז] ער זאָל 'פאַרשמירן די אויגן' יעדן, און [מאַכן] פון אַ מצוה אַן עבירה און אַן עבירה אַ מצוה, מ'זאָל נישט וויסן וואו מ'האַלט, אַזוי ווייט איז ער נישט מְצֻוֶּה, איבערדעם איז ער חייב, [ולכן לעתיד יהיה] **וְאָתָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְשָׁחַט "לְשׁוֹחֵט"** [=מליצת הלשון על "מַלְאַךְ הַמָּוֶת" דהוא "שוחט דעלמא" וכפירוש הבעש"ט].

---

[כה] עיין דרשות תקיעת שופר שנת תשכ"ו (דברי יואל לר"ה אות מא ד"ה ונקדים עוד), ושנת תשכ"ח (דברי יואל שם אות נג).

[כו] בספר **אורח לחיים** (מהרה"ק רבי אברהם חיים מזלאטשוב. פרשת לך לך) **שמעתי בשם הבעל שם טוב ז"ל פירוש הגמרא** דשבת (עה.) שוחט משום מאי מחייב, רב אמר משום צובע כו', ופירשו התוספות (שם בד"ה צובע) "אשוחט דעלמא קאי", ומה בעי תוספות בזה, אלא דבעי לומר דרך רמז דקאי על מלאך המות, דלעתיד ישחוט אותו השי"ת (סוכה נב. ב"ב טז.), וזהו שפירשו התוספות אשוחט דעלמא קאי, רצה לומר על מלאך המות ששוחט לכל עלמא משום מאי מחייב, הלא נברא בשביל זה להסית לבני אדם, ואמר רב דחייב משם "צובע", רצה לומר שצובע עצמו ומסית לבני אדם שיעשה מצות ומראה להם פנים כאלו עושים מצות, והוא לא נברא אלא להסית לבני אדם שיעברו עבירות, ולא שיצבע את עצמו כמו אוהב נאמן איש טוב ומסית לעשות מצות, ובשביל זה לא נברא ועל כן חייב, ודברי פי חכם חן.

KolSatmar.com

אַזוי שטייט דאָך, אַזוי האָט דער בעל שם טוב הקדוש געזאָגט, [דסיבת עונשו הוא] ווייל ער פאַרשמירט די אויגן.

ער פאַרשמירט אויף אַזאַ׳ן אופן די אויגן אַז מיט׳ן דרך הטבע איז גאָרנישט צו פאַרשטיין וויאַזוי מ׳קען זיך אַזוי פּאָפּן, ער פּאָפּט אויס גאָר ערליכע אידן אויכעט, און מ׳מיינט חלילה אויפ׳ן אַרגסטן, קאָן ער מיינען [שהוא מצוה], ער מיינט גאָר ער טוט גאָר אַ מצוה אויכעט.

מיטן דרך הטבע איז נישט צו פאַרשטיין וויאַזוי מ׳קען זיך אַזוי נאַרן, וויאַזוי אַ וועלט קען זיך אַזוי נאַרן און אַזוי פּאָפּן.

נאָר ׳דאָס׳ איז דער כח, מ׳האָט אים געגעבן אַ כח אפילו ׳נסים׳, אַז מ׳האָט אים אַ כח להעמיד חמה באמצע הרקיע[כז] האָט ער אַזאַ כח אויכעט.

מה

דעמאָלטס [בעת תקיעת שופר] באַצאָלט מען אים [לבלבל גם אותו בדרך ׳נס׳], איז עס מדה כנגד מדה, דעמאָלטס ווערט ׳ער׳ פאַרנאַרט, מיטן שכל איז נישט צו פאַרשטיין וויאַזוי פּאָפּט ער זיך, ער הערט דאָרטן בלאָזן שופר ׳איינעם דאָרטן׳, און ער זעט ׳ווער׳ ס׳בלאָזט, נו ׳ווער וואָס ווען׳, [און] פלוצים מיינט ער אַז ס׳איז דער שופר גדול, וויאַזוי איז דאָס?

[נאָר] דאָס ליגט אין דעם אַ כח האָט דער בורא כל עולמים אַריינגעגעבן אין די מצוה פון שופר אַז דער שטן זאָל פאַרפּאָפּט ווערן, דער בורא כל עולמים האָט עס געטוהן[כח].

מו

ביאור קושיא ח

הפסוק אַשְׁרֵי הָעָם יֹדְעֵי תְרוּעָה שייך שפיר לקידוש החודש, דבלי קידוש החודש אין שום כח לסגולת השופר [וכן התעוררות הגאולה תלוי בתקיעת שופר דראש השנה]

דאָס [הכח שיש בשופר] איז נאָר אום ״ראש השנה״, ווען דאָס ״בית דין״ האָט געזאָגט [אז] ס׳איז ראש השנה.

אַז דאָס בית דין זאָגט נישט ס׳איז ראש השנה, איז מען מעביר די כסאות, ממילא נוצט נישט דער שופר קען מען נישט פאַרפּאָפּן, ווערט ער [דער שטן] נישט פאַרפּאָפּט אויך נישט, דער בורא כל עולמים האָט דאָס אַריינגעגעבן אין דעם טאָג פון ׳ראש השנה׳.

איבערדעם איז דאָס [הנס שמתבלבל השטן על ידי השופר] טאַקע אויך [תלוי] אין דעם, דער קביעת החודש האָט געברענגט דעם אַשְׁרֵי הָעָם יֹדְעֵי תְרוּעָה, דאָס איז אויך מקושר אין דעם.

ה׳ בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן, ווען ס׳קומט אַראָפּ אַן אור, מ׳איז מסכים על ידם אויפ׳ן עיבור, און אַזוי אַרומער איז מען יֹדְעֵי תְרוּעָה אויכעט.

[ועוד תלוי בזה] אַז ס׳ברענגט דאָס התעוררות פון די גאולה.

---

[כז] בגמרא (סנהדרין צ.) תניא, רבי יוסי הגלילי אומר: הגיע תורה לסוף דעתה של עבודה זרה, לפיכך נתנה תורה ממשלה בה, שאפילו מעמיד לך חמה באמצע הרקיע אל תשמע לו, עיי״ש. פירש״י: כלומר אפילו תראה אותו נביא מושל ועושה כרצונו דכתיב וְנָתַן אֵלֶיךָ אוֹת אוֹ מוֹפֵת (דברים יג, ב). וברבינו חננאל כתב הטעם, כדי ״לתת שכר לצדיקים״ העומדים בנסיון.

[כח] ועיין באורך בדרשת תקיעת שופר תשט״ו (דברי יואל לר״ה אות פו), ובדברי יואל (פרשת צו עמוד קמז, אחרי עמוד סח).

KolSatmar.com

[ואפשר לומר אַז] רבי אליעזר לשיטתו (ר"ה יא:) לערנט דאָך אַז די גאולה איז בתשרי, - ס'איז דאָך **פרקי דרבי אליעזר**, - ס'איז בתשרי.

אַ גזירה שוה לערנט ער אַרויס (ר"ה שם) פון [פסוק וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא] יִתָּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל [וכתיב תִּקְעוּ בַחֹדֶשׁ שׁוֹפָר], אַז די גאולה איז אין תשרי, דאָס איז תלוי אין דעם קביעת החודש. [ולדרכינו רמוז בזה, שתקיעת שופר דלעתיד תלוי בקביעת ראש השנה וסגולת תקיעת השופר דידן ביום זה].

**ס'איז אַן "ענין נורא" וואָס ס'איז תלוי אין דעם קביעת החודש.**

## מז

## ביאור הפייט: כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ כֵּן "עוֹד" נֶחֱזֶה

בייטב פנים: כֵּן 'עוֹד' נֶחֱזֶה, שהשי"ת יתן לעתיד יותר ממה ששמענו מהנביאים, כדרך הצדיק שאומר מעט ועושה הרבה

אַזוי ווי מ'בעט מיר זיך (במוסף לפרשת החודש) **כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ כֵּן עוֹד נֶחֱזֶה.**

דער זיידע זכרונו לברכה אין **ייטב פנים** (פרשת החודש אות טו) פרעגט, אַז ס'איז איבעריג דער "עוד", [דהיה לו לומר] **כאשר שמענו כן נחזה.**

זאָגט ער, אַז הקב"ה האָט נישט מגלה געווען [להנביאים כל הטובות העתידים לבוא].

ס'שטייט אין מדרש (דברים רבה א, יא) הקב"ה האָט נישט מגלה געווען פאַר אברהם אבינו'ן פונעם מָן [שיתן הַמָּן לבניו], ווייל צדיקים אומרים מעט ועושים הרבה, צדיקים טוען מער ווי זיי זאָגן, דער בורא כל עולמים טוט מער [ולכן מגלה לנביאים מעט, ואחר כך נותן יותר ממה שהבטיח].

ממילא זאָגט ער דאָס איז אַלעס מרומז, ס'ברויך צו זיין "מער" [ממה שהובטחנו על ידי הנביאים], וואָרן צדיקים אומרים מעט ועושים הרבה, איבערדעם **כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ** [מהנביאים על העתיד] **כֵּן "עוֹד" נֶחֱזֶה** [יותר ממה ששמענו], אַזוי שטייט אין **ייטב פנים.**

## מח

ולדרכינו יתפרש כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ כבר דברי הנביאים בעניני הגאולה, אשר רבים אין מבינים כעת מחמת "סמיות העינים" כֵּן "עוֹד" נֶחֱזֶה, שיתגלה אור חדש באותם דברי הנביאים עצמם, להבין וואָס מ'האָט שלעכט געזען.

אין פשטות איז טאַקע [לפי דברי הייטב פנים יש לפרש, כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ כֵּן "עוֹד" נֶחֱזֶה].

דאָס 'זעלבע' [שכבר שמענו מהנביאים מענינים דלעתיד] קוקט מען אָן [כעת] מיט אַנדערע אויגן, [דכעת] מיט סמיות עינים קוקט מען אָן, די גאַנצע **גאולה** מיטן גאַנצן **דרך פון דער גאולה**, מיט די גאַנצע **ישועת ישראל**, מיט דער גאַנצער **עבודה** וואָס מ'דאַרף דינען דעם **באַשעפער** [בזה].

מ'דאַרף גרויס סייעתא דשמיא אַז מ'זאָל האָבן אָפענע אויגן מ'זאָל זען דעם **אמת.**

[אמנם לעתיד יתקיים הנבואה הָרִאשֹׁנוֹת הִנֵּה בָאוּ] **וַחֲדָשׁוֹת אֲנִי מַגִּיד**, דעמאָלטס וועט מען זען אַזוינס [גם בנביאות הָרִאשֹׁנוֹת, שיתגלה] וואָס מ'האָט ביז היינט נישט געזען.

איבערדעם [יש לפרש בפשטות] **כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ כֵּן "עוֹד" נֶחֱזֶה**, מ'זאָל זען, טאַקע דאָס 'פריעריגע' [מדברי הנביאים] וואָס מ'האָט שלעכט געזען [פשט כעת, מחמת הסמיות עינים], וועט מען אויך דעמאָלטס אַנדערש זען.

עקסטערדעם וואָס מ'וועט דעמאָלטס זען נייעס [וַחֲדָשׁוֹת אֲנִי מַגִּיד, כפשוטו וכדברי הייט"פ הנ"ל], איז דאָס [גם בהראשונות שכבר שמענו] **כֵּן "עוֹד" נֶחֱזֶה** [לעתיד בפנים חדשות].

KolSatmar.com

מט

## ביאור המדרש: מיד גילו הצדיקים את "ראשיהם" שהיה מכוסה

[קושיא ט:] יש להבין דברי המדרש, שגילו את "ראשיהם"

ס'איז דאָ אַ מדרש (רבה, בא טו, א) **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם, אמרו** [ישראל לפניו, רבון העולמים] **ת' שנה אמרת להשתעבד ועדיין לא שלמו, אמר להם הקדוש ברוך הוא כבר שלמו, שנאמר כִּי הִנֵּה הַסְּתָו עָבָר, מיד גילו הצדיקים את ראשיהם שהיו מכוסים שנאמר הַנִּצָּנִים נִרְאוּ בָאָרֶץ.**

וואָס איז דער פשט [גילו הצדיקים את] "ראשיהם" שהיו מכוסים?

נ

### הקדמה לביאור קושיא ט

בייטב פנים: ביאור הפייט רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לִפְסוֹחַ עֲלֵיכֶם שהקב"ה דלג על הפתח "כחודו של מחט" מצד בני ישראל

ס'שטייט אין **ייטב פנים** (פרשת החודש אות ב'), **זאָגט ער** (לפרש לשון הפייט בשחרית) **רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לִפְסוֹחַ עֲלֵיכֶם לְהִתְקַדֵּשׁ בְּתוֹכְכֶם.**

וואָרן לעולם שטייט דאָך (שהש"ר ה, ג) אַז הקב"ה זאָגט פתחו לי פתח כחודו של מחט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם, ברויך דאָך אַ מענטש 'אָנצוהייבן', אַ חודו של מחט על כל פנים.

[אמנם] אין מצרים, מ'איז געווען בשפל אין מ"ט שערי טומאה און מ'האָט נישט געקענט אָנהייבן, און דער בורא כל עולמים האָט זיי געהאָלפן פריערער, איידער ס'איז געווען פתחו לי פתח כחודו של מחט.

מיט דעם טייטשט ער [בשם הרה"ק רבינו ברוך ממעזבוז זצ"ל, בדברי הכתוב] (בא יב, כג) וּפָסַח ה' עַל "הַפֶּתַח", הקב"ה האָט איבערגעהיפּט דעם פֶּתַח וואָס אידן [צריכים להתחיל], נאָר דער בורא כל עולמים האָט 'אָנגעהויבן'. דערנאָך האָבן אידן שוין געהאָרעוועט אין די ימי הספירה, איז דאָך שוין ידוע, אָבער דעמאָלטס [בא' דפסח במצרים] האָט מען אויפגעהויבן אידן שלא בהדרגה.

איבערדעם (מפרש הייטב לב) איז **רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם** [לִפְסוֹחַ עֲלֵיכֶם] **לְהִתְקַדֵּשׁ בְּתוֹכְכֶם**, וואָרן לעולם ברויכן דאָך אידן [לפתוח תחלה פתח כמחט], דער בורא כל עולמים פאַרלאַנגט דאָך אַז אידן זאָלן אָנהייבן על כל פנים כחודו של מחט, און דערנאָך העלפט מען, [אָבער] דעמאָלטס איז אָבער געווען **רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם**, דער בורא כל עולמים איז געווען דער ערשטער. [עד כאן דברי הייטב לב].

נא

ממה שאין אנו רואין פתח "כפתחו של אולם", מוכח שעדיין לא פתחנו פתח אף "כחודו של מחט"

נאָר וואָס דען, איך האָב געזאָגט מ'זעט דאָך פון דעם [מדברי המדרש, שלא פתחנו אפילו פתחו של מחט].

מילא קיין "פתחו של אולם" בעוונינו הרבים זעט מען אַז ס'איז נישטאָ.

**ווי שווער איז צו עפּעס צוצוקומען, צו אַ דְבַר אֱמֶת, צוצוקומען צו אידישקייט, אוי ווי ווייט מ'איז.**

נאָר מ'קלערט [אַז] 'דאָך' עפּעס אַ 'שטיקל פתח' [כחודו של מחט] האָט מען געמאַכט, - נאָר וואָס דען זעט מען, מ'זעט נאָר וואָס דען, - ס'איז אָבער אַ ראיה ברורה אַז מ'האָט נישט 'אָנגעהויבן' [אפילו כחודו של מחט], וואָרן ווען ס'העט געווען

גיוועזן [שפתחנו] אַ פתח "כחודו של מחט", העט דאָך שוין ממילא געווען אַ "פתחו של אולם", און דאָס איז נישטאָ, קאָן מען פאַרשטיין אַז ס'איז נישטאָ קיין חודו של מחט אויך נישט, וואָרן ווען ס'העט געווען גיוועזן אַ פתח כחודו של מחט שטייט דאָך קומט דאָך נאָך [ואני אפתח לכם כפתחו של אולם].

**נב**

**ביאור קושיא ט**

אף שרוב ישראל במצרים לא פתחו הפתח, מ"מ היה צדיקים ששפיר התחילו בפתח זה, רק שהיה מכוסה ונעלם

ממילא דעמאָלטס איז געווען רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם [כדברי הייטב פנים], 'נאָר' דער בורא כל עולמים האָט אָנגעהויבן, ס'איז נישט געווען גאָרנישט [מצד רוב בני ישראל].

אָבער ס'איז אָבער געווען **צדיקים בדור**, שבט לוי, ס'איז דאָך געווען נביאים נאָך, עמרם זקן ויושב בישיבה (שמו"ר א, יג), מתלמידי עמרם איז געווען נביאי אמת, 'די' האָבן דאָך יאָ אָנגעהויבן, 'עפּעס' איז געווען [התחלה גם מצד בני ישראל], נאָר מ'האָט דאָס אויך נישט 'געזען'.

ווייל ווען ס'איז אַ **גרויסער הסתרת פנים** זעט מען דאָס אויך נישט, אפילו די צדיקים וואָס זיי הייבן יאָ עפּעס אָן, איז עס אויך **פאַרשטעלט**, מכוסה הסתר בתוך הסתר, מ'ווייסט נישט [דערפון] דאָס דור, אין די גרויסע הסתרה, [ואף הצדיקים עצמן יתכן אַז] מ'ווייסט אַליין אפשר אויך ניטאַמאָל וואו מ'האַלט.

איבערדעם איז רעכט, בדרך כלל פאַר'ן רוב ישראל איז געווען רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לִפְסוֹחַ עֲלֵיכֶם, אַזוי ווי ס'שטייט אין ייטב פנים [שלא עשו שום פתח], אָבער ס'איז 'דאָך' געווען עפּעס צדיקים, ס'איז געווען צדיקים פון שבט לוי וואָס זיי האָבן יאָ עפּעס אָנגעהויבן, און זיי זענען יאָ געוועזן "ראשים" [פירוש מתחילים, שהתחילו לפתוח פתח] אַזוי ווי זיי האָבן גערדאַרפט 'אָנהייבן', ס'האָט נישט געדאַרפט צו זיין [אצלם הבחינה של] ופסח ה' על 'הפתח', אָבער דאָס איז אויך געווען מכוסה, הסתר בתוך הסתר.

**נג**

ובזמן הגאולה נתגלה למפרע שהצדיקים כבר עשו פתח מקודם בתוך הגלות

ווען ס'איז געקומען דער זמן פון די גאולה, **מיד גילו הצדיקים את "ראשיהם"**, דאָרטן וואו זיי זענען געווען די ראשונים [שהם התחילו לעשות הפתח].

אַזוי [ברוב ישראל] איז געוועזן ראשון "הוּא" לכם, נאָר דער בורא כל עולמים, ווייל ס'איז נישט געווען דער פתח כחודו של מחט אויך נישט, דאָס הייסט "ראשון", אַזוי טייטשט דאָך דער ייטב פנים.

אָבער דערנאָך שוין, נאָך די גאולה, איז 'אַפירגעקומען' די [צדיקים] וואָס זיי האָבן יאָ עפּעס אָנגעהויבן, און ס'איז געווען מכוסים ס'איז געווען הסתר בתוך הסתר, איז געווען **הַנִּצָּנִים נִרְאוּ בָאָרֶץ**, [שגילו הצדיקים את "ראשיהם" וההתחלה מצדם, שהיה מכוסה עד עתה ולא היה נודע].

**נד**

## גודל חשיבות וקדושת ימי ניסן

כל יום מי"ב ימים הראשונים הוא נגד חודש אחד, ואז נתמנה בשמים השרים לכל השנה

יהיה איך שיהיה, דער **ראש חודש ניסן**, אַזוי ווי דער מדרש זאָגט (שמו"ר טו, יג), [הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם] לקיים [מה שנאמר (משלי ח, טו)] בִּי מְלָכִים יִמְלֹכוּ.

KolSatmar.com

דער **בעל שם טוב הקדוש** ברענגט דאָך[כט], דער דגל ברענגט עס אויכעט [בשם הבעל שם טוב].

און זיי ברענגען עס [כדלקמן] פון לובלינער - פון **הייליגן לובלינער** - אויכעט די זעלבע נאָך.

**זיי האָבן געזאָגט, אין חודש ניסן אין די צוועלף טאָג וואָס מ׳ליינט די נשיאים, יעדער טאָג האָבן זיי געהאַט פאַר זיך,** [שראו אַז עס] **ווערט נתמנה בַּשָּׁמַיִם אַלע ראשים מיט אַלע** [ממונים] **פון אַ גאַנץ יאָר.**

**פון דעם חודש יעדערער טאָג איז אויף אַן אַנדערן חודש, ס׳ווערן נתמנה אַלע ראשים.**

**נה**

מ׳זאָגט נאָך, **דער הייליגער לובלינער** האָט זיך אויפגעשריבן [בכל שנה בימי הניסן, וגם בשנת הסתלקותו כתב בימים אלו] אין אַלע חדשים וואָס ס׳וועט זיין ביז דעמאָלטס, [עד יום ה׳ ניסן, שהוא] ביז אב ווען ער איז נסתלק געוואָרן [ט׳ באב תקע״ה], האָט ער אויפגעהערט, דעמאָלטס האָט ער אויפגעהערט צו שרייבן[ל].

**נו**

און אין **דגל**[לא] ברענגט ער אויכעט, אַז דער **בעל שם טוב הקדוש** האָט געזאָגט, און **רבי ר׳ בער** האָט געזאָגט [שאמר לו הבעש״ט, בשנה אחת] אַז מ׳דאַרף מתפלל זיין, ס׳איז נתמנה געוואָרן ראשים לא טובים, אויכעט אַלץ אין די צוועלף טאָג.

די צוועלף טאָג וואָס מ׳ליינט די נשיאים איז יעדערער טאָג אין חודש איז [מורה] אויף אַ גאַנצן חודש.

**נז**

**הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים**, אַזוי טייטשן זיי דאָך, - דאַכט זיך מיר אַז גאָר דער **בני יששכר** ברענגט עס (עיין כעין זה באגרא דכלה בהערה ל), - **רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה**, אַז דער איינער טאָג לחודש איז אַ ראש פון אַלע חדשים.

---

[כט] **בעבודת ישראל** (שבועות ד״ה ואתם): שמעתי שהריב״ש הקדוש אמר כשהגיע ראש חודש ניסן שהוא ראש השנה למלכים, והושיב כל מלאך על כנו, וכשראה מלאך אחד שלא ישר בעיניו היה ממנה אחר תחתיו.

[ל] **באגרא דכלה** (פרשת פקודי) **בְּיוֹם הַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ** (פקודי מ, ב). **הוה ליה למימר בקיצור ״באחד לחדש הראשון״. - והנראה על פי מה שקבלנו דאותן הי״ב ימים הראשונים דניסן ימי הקרבת הנשיאים, המה כח כללי לי״ב חדשי השנה, כל יום רומז לחודש שלם, כן שמענו מכבוד אדמו״ר הרב הקדוש מה״ר מנחם מענדל** [מרימנוב] **זצ״ל. - וְזַכֵּי הָרְאוּת יכולין להתבונן בכל יום איזה מאורעות יהיה בחודש אשר הוא נגד היום ההוא, וכבוד אדמו״ר הרב הקדוש מה״ר יעקב יצחק** [מלובלין זצ״ל] **היה כותב ברוח קדשו בכל יום מה יהיה בכל חודש, כנודע הדבר בפרסום לחבורתינו קודש, ובאותו השנה שנתבקש בישיבה של מעלה בחודש מנחם, לא כתב רק עד מנחם, והענין הוא בפרסום. - ואם כן לפי זה יום הָרִאשׁוֹן הוא נגד כל הַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן. וזה שכתוב בְּיוֹם הַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן, רוצה לומר באותו יום שהוא נגד הַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן היינו בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ, נראה לי.**

[לא] **בדגל מחנה אפרים** (פרשת בא) **וז״ל, למה נקרא חודש ניסן חֹדֶשׁ הָאָבִיב וכו׳, על דרך בִּי מְלָכִים יִמְלֹכוּ, כי יש שתים עשרה מזלות ושנים עשר צירופי הוי״ה ברוך הוא השולטים בשנים עשר חדשי השנה, ועל ידי צירופים האלו נמשך כל הנהגות המזלות והמלכים, וזהו בִּי היינו י״ב צירופים, על ידם מְלָכִים יִמְלֹכוּ שמשם נפסק ונמשך כל המלכים וכו׳. וכמו ששמעתי מן אדוני אבי זקני** [הבעל שם טוב הקדוש] **נ״ע זללה״ה שאמר פעם אחד בחודש ניסן להרב המגיד המפורסם מטורטשין** [הוא הרב המגיד הגדול מהרד״ב ז״ל ממעזריטש], **עתה העת שצריכים להתפלל, כי באחד בניסן ראש השנה למלכים, ואז נתמנה בו כל השרים ושלטונים שבעולם, ולעת עתה נתמנו שרים לא טובים ועתה הוא העת להתפלל, עד כאן שמעתי מפיו הקדוש. ונראה לי שהוא מטעם הנ״ל, כי בחודש זה הוא הוי״ה כסדר, שהוא אב לכל שנים עשר צירופים** [וזהו אבי״ב, אב י״ב].

KolSatmar.com

### נח
גדולת הימים האלו הוא עַד אֵין שִׁעוּר וָעֵרֶךְ

על כל פנים דער **ראש חודש ניסן**, די טעג [אפילו בימי החול], **איבערהויפט ביז פסח** אין ׳דער׳ זייט [חציו הראשון של החודש], אין די **צוועלף טאָג**, און דערנאָכדעם דער זמן פון י״ד דער **שחיטת הפסח**, די **הקרבת הפסח**.

**דאָס גרויסקייט פון די טעג איז דאָך עַד אֵין שִׁעוּר עַד אֵין עֵרֶךְ**, דער בורא כל עולמים זאָל העלפן מ׳זאָל די זכיה האָבן [להיות נשפע מקדושת הימים].

### נט
הימים מסוגלים להוציא נפשו מהשערי טומאה ולהכניסה בשערי הקדושה

ער זאָגט דאָך עפּעס (בני יששכר אדר מאמר ד, אות י) ס׳שטייט אין **חסד לאברהם** (לר״א אזולאי מעין ב׳ נהר נז) אַז מ׳נעמט אַרויס, ווער ס׳איז געווען אין די שערי טומאה נעמט מען אַרויס יעדן טאָג עפּעס.

ער זאָגט עס אויף די גאַנצע צייט [של השלשים יום] פון פורים ביז פסח, **ביז פסח ביי דער נאַכט איז יעדער פריי פון די שערי טומאה, און מ׳קען זיך דעמאָלטס אָנכאַפּן אין אידישקייט.**

על כל פנים דער טאָג, דער חודש ניסן, [איז] דער זמן התעוררות פון די גאולה, ראשון הוא לכם, ס׳זענען דאָך אַלע מדרשי חכמינו ז״ל פיל אַז **ראש חודש ניסן הייבט זיך אָן דער זמן התעוררות הגאולה.**

### ס
## ביאור לשון הפסוק ״החודש״ הזה לכם

דער אייבירשטער זאָל העלפן מ׳זאָל די זכיה האָבן ס׳זאָל טאַקע שוין זיין ״החודש״ הידוע.

[קושיא א:] מה בא לרמז באומרו הַחֹדֶשׁ הזה בה׳ הידיעה?

דער זיידע זכרונו לברכה אין **ייטב פנים** (שם אות יב) טייטשט רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי ״הַשָּׁנָה״ [בה׳ הידיעה, דלכאורה קשה] וואָס זאָגט ער נישט לחדשי ״שנה״, אָדער ״חודש״ הזה לכם. דעם השנה ענטפערט ער, אויף החודש ענטפערט ער גאָרנישט.

**אויף השנה זאָגט ער, אַזוי ווי ער טייטשט דאָך דאָס אייביג** (מה שאומרים בקינות לת״ב, קינה ח) [אֵימָתַי] **בְּכָל שָׁנָה אוֹמֶרֶת הִיא הַשָּׁנָה.**

מיט דעם זאָגט ער [לפרש הפסוק (עקב יא, יב)] **עֵינֵי ה׳ אֱלֹקֶיךָ בָּהּ מֵרֵאשִׁית ״הַשָּׁנָה״ וְעַד אַחֲרִית ״שָׁנָה״**, אָנפאַנגס מ׳גייט אַריין אין יאָר, קלערט מען ״הַשָּׁנָה״, דאָס איז אַ יאָר ׳הידוע׳ וואָס אידן וועלן געהאָלפן ווערן, וְעַד אַחֲרִית, ווען ס׳קומט צום סוף ווערט מען געוואויר, ״שָׁנָה״, דאָס איז נאָר אַזאַ פּראָסט יאָר דורכגעגאַנגען ווי אַלע.

איבערדעם זאָגט ער רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי ״הַשָּׁנָה״, ווען ס׳וועט קומען השנה הידועה [שבו יהיה הגאולה], אַזוי שטייט אין ייטב פנים.

נאָר וואָס איז דער ״החודש״?, אויף דעם זאָגט ער נישט, [על אומרו בה׳ הידיעה ״החודש״.

### סא
### ביאור קושיא א

כשיקדשו ישראל החודש יתגלה למפרע החודש "הידוע" שהוא כבר מוכן מבראשית להגאולה

נאָר וואָס דען [יש לפרש] לדרכינו ווי כ'האָב פריער געזאָגט (באות לד) [בפירוש רישא וסיפא דקרא דהחודש הזה לכם, דהרישא קאי על קידוש החודש בשנת הגאולה].

לעולם איז דאָך אָנגעגרייט דער זמן הגאולה פון תחילת הבריאה אָן, דאָס איז נישט קיין חדשות, אָבער מ'דאַרף עס מחדש זיין, דאָס איז גיוועגדט אין קידוש החודש, אידן ברויכן עס מחדש זיין.

איבערדעם זאָגט דאָ דער פסוק ["הַחֹדֶשׁ" הַזֶּה לָכֶם], אַז מ'איז דאָס מחדש קומט אַפיר דער חודש "הידוע" [כבר מתחלת הבריאה], וואָס ער איז שוין אָנגעגרייט פון לאַנג, פון תחילת הבריאה, טאַקע דער חודש ניסן וואָס אידן ברויכן געהאָלפן ווערן מיט די גאולה.

### סב
## ברכת הקודש

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן:

מ'זאָלמיר טאַקע זוכה זיין [שיהיה כן בשנה זו, שיתגלה החודש הגאולה "הידוע"], **ס'איז נאָך אַ מציאות ס'זאָל זיין טאַקע 'דער' חודש ניסן וואָס מ'באַגעגען מיר היצטערט.**

השם יתברך ירחם על עמו ישראל.

הִנֵּם יָמִים הַמְּבוֹרָכִים. דאָס איז די געבענטשטע טעג אַזוי ווי מ'זאָגט אין פייט (למוסף, ד"ה הנם), **יָמִים הַמְּבוֹרָכִים.**

[הַחֹדֶשׁ אֲשֶׁר] **יְשׁוּעוֹת בּוֹ מַקִּיפוֹת** (שם, ד"ה לציון).

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן, מ'זאָלמיר טאַקע זוכה זיין באַגעגענען זיך טאַקע, **באַגעגענען זיך מיט די ישועות שלימות.**

**ס'זאָל 'אויפגערעכט' ווערן אידישע הערצער.**

**מ'זאָל דינען דעם באַשעפער בדרך אמת און בשמחה.**

ס'זאָל זיין **בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן**, דער בורא כל עולמים זאָל מאיר זיין עיני ישראל, עיניהם ולבם של ישראל.

מ'זאָלמיר די זכיה האָבן:

מ'זאָל די זכיה האָבן **בזכות אבותינו הקדושים.** און מיט דעם כח וואָס אידן דערהאַלטן זיך, **מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד,** וואָס אידן דערהאַלטן זיך.

דער בורא כל עולמים זאָל במהרה, מ'זאָלמיר שוין געהאָלפן ווערן.

מ'זאָל מיר די זכיה האָבן מ'זאָל דינען דעם באַשעפער מתוך נחת ושמחה.

ס'זאָל דערפרייט ווערן אידישע הערצער אין די חדשי השמחה.

ביז מ'ווועלמיר זוכה זיין צו זען די ישועה שלימה בכלל ובפרט, בישועת כל ישראל ושמחתן, ובהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.

KolSatmar.com